STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06621

VI IKH HOB ZIKH GELERNT SHRAYBN

Maksim Gorky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקסים גאָרקי

ווי איך האָב זיך געלערנט שרייבן

איבערזעצט פון רוסיש
נחמן מייזיל

אַרויסגעגעבן דורכן
לאה קעסמאַן ליטעראַטור-פאָנד ביים איקוף
ניו-יאָרק

מספרי
שלום און שׂרה קריטשעוסקע
ביבליאָטעק

WI ASOI ICH HOB SICH GELERNT SHRAIBN

(My Training as a Writer)

by

MAXIM GORKI

Published by

LEAH KESSMAN LITERARY FOUNDATION

NEW YORK, N. Y.

חברים!

אין די אַלע שטעט, וואו מיר איז אויסגעקומען צו פירן שמועסן מיט אייך, האָבן פיל פון אייך מיך געפרעגט סיי מינדלעך און סיי דורך צעטעלעך: ווי האָב איך זיך אויסגעלערנט צו שרייבן? די דאָרף־אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן, די מיליטער־קאָרעספּאָנדענטן און בכלל די אָנפאַנגערישע ליטעראַרישע יוגנט האָבן מיר אָט די פראַגע כסדר געשטעלט. פיל האָבן מיר אפילו פאָרגעלייגט „אָנצושרייבן אַ בוך, ווי מ׳דאַרף שאַפן קינסטלערישע דערציילונגען”, „צוגרייטן אַ טעאָריע פון ליטעראַטור”, „אַרויסגעבן אַ לערנבוך פון שאַפן”. אַזאַ מין לערנבוך קאָן איך נישט צוגרייטן, — און דערצו זיינען אַזעלכע לערנביכער, — הגם נישט גאָר קיין גוטע, אָבער דאָך געגוג נוצלעכע, שוין דאָ.

די וואָס הייבן אָן צו שרייבן דאַרפן נייטיק וויסן די געשיכטע פון ליטעראַטור. אין דער הינזיכט איז ניצלעך דאָס בוך פון וו. קעלטויאַל „די געשיכטע פון ליטעראַטור”. אין אָט דעם ווערק איז גוט אַרויסגעבראַכט דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דעם מינדלעכן — „פאָלקס” שאַפן און דעם געשריבענעם „ליטעראַרישן”. אין יעדן געביט דאַרף מען וויסן די געשיכטע פון זיין אַנטוויקלונג. ווען די אַרבעטער פון

יעדן פּראָדוציר־צווייג, — און נאָך מער — פון יעדער פאַבריק, וואָלטן געוואוסט ווי ער איז אויפגעקומען, ווי עס האָט זיך פּאַמעלעך אַנטוויקלט און פאַרפולקומט די פּראָדוקציע, — וואָלטן די אַרבעטער געאַרבעט פיל בעסער ווי זיי אַרבעטן, זיי וואָלטן טיפער פאַר־שטאַנען די קולטור־געשיכטלעכע באַדייטונג פון זייער פּראַצע און וואָלטן עס ממילא געטאָן מיט מער באַגייס־טערונג.

מען דאַרף אויך קענען די געשיכטע פון דער אויסלענדישער ליטעראַטור, ווייל דאָס ליטעראַרישע שאַפן, אין תוך גענומען, איז דאָס זעלביקע אין אַלע לענדער, ביי אַלע פעלקער.

עס האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן דער פאַרמעלער אויסנווייניקסטער פאַרבינדונג, און נישט וועגן דעם, אַז פושקין האָט געגעבן גאָגאָלן די טעמע פאַר זיין בוך „טויטע נפשות", און פושקין אַליין האָט אָט די טעמע, ווייזט אויס, גענומען ביים ענגלישן שרייבער סטערן פון זיין בוך „סענטימענטאַלע רייזע"; עס איז אויך נישט וויכטיק די טעמאַטישע ענלעכקייט פון די „טויטע נפשות" מיט דיקענסעס „נאָטיצן פון פּיק־וויקן־קלוב",—עס איז דערהויפּט וויכטיק זיך צו איבער צייגן, אַז פון אַלעמאָל און אומעטום האָט זיך געפלאַכטן און עס פלעכט זיך אַ נעץ „אַריינצוכאַפּן די מענטש־לעכע נשמה", אַז אַלעמאָל, אומעטום זיינען געווען און ס'זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט און שטעלן זיך אַן אויפגאַבע צו באַפרייען דעם

מענטש פון אבערגלויבענישן, פון זאַבעבאָנעס, פון פאָראורטיילן. עס איז וויכטיק צו וויסן, אַז אומע־טום האָט מען געוואָלט און מען וויל באַרואיקן דעם מענטש מיט אָנגענעמע נאַרישקייטן און אומעטום און אַלעמאָל זיינען געווען און זיינען דאָ בונטאַרן, ווידער־שפּעניקער, וואָס האָבן געשטרעבט און שטרעבן אויפ־צוהייבן אַ בונט קעגן דער נישטיקער, מיאוסער ווירק־לעכקייט. און ס'איז זייער וויכטיק צו וויסן, אַז סוף־כל סוף באַזיגן אָט די בונטאַרן, אָט די ווידערשפּעני־קער, זיי ווייזן די מענטשן אַ וועג פאָראויס און שטויסן זיי אויף דעם וועג, און אָט די בונטאַרן באַזיגן די אַלע וואָס פריידיקן באַרואיקונג און דאָס צופרידנשטעלן זיך מיט די אומווירדיקייטן פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די קלאַסן־מלוכות, דורך דער בורזשואזער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָנגע־שטעקט און שטעקט אָן דאָס אַרבעטספאָלק מיט די מיאוסע פעלערן, מיט זשעדנעקייט, מיט קנאה, מיט פוילקייט און ווידערווילן צו אַרבעט.

די געשיכטע פון דער מענטשלעכער פּראַצע און שאַפן איז אָן אַ שיעור אינטערעסאַנטער און באַטייט־פולער איידער די געשיכטע פון אַ מענטש. אַ מענטש שטאַרבט, ער באַוויזט אפילו נישט אָפּצולעבן אַ הונ־דערט יאָר, אָבער זיין אַרבעט לעבט יאָרהונדערטער.

די לעגענדאַרישע דערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט, די שנעלקייט פון איר וואוקס ווערט דערקלערט דורך דעם, וואָס דער געלערנטער, דער וויסנשאַפטלער ווייסט

די אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון זיין ספּעציאַליטעט. צווישן וויסנשאַפט און קינסטלערישער ליטעראַטור איז פאַראַן פיל געמיינשאַפטלעכס: אי דאָרט, אי דאָ שפּילט די הויפּט־ראָלע די באַאָבאַכטונג, דער פאַר־גלייך, די פאָרשונג; דער קינסטלער, ווי דער וויסנ־שאַפטלער, דאַרף פאַרמאָגן פאָרשטעלונג־ און אַנשטוי־סונג־קראַפט — אינטואיציע. די פאָרשטעלונג און אַנשטויס־קראַפט דערגאַנצן די נאָך ניט געפונענע און פעלנדיקע רינגען אין דער קייט פון פאַקטן, זיי דערלויבן דעם געלערנטן צו מאַכן „היפּאָטעזן", השׂ־ערות און טעאָריעס, וואָס ריכטן מער-ווייניקער פּינקט־לעך און דערפאַלגרייך די זוכענישן פונעם פאַרשטאַנד, וועלכער פאָרשט די כּוחות און דערשיינונגען פון דער נאַטור, און פאַמעלעך, בהדרגה וואַרפן זיי זיי אונטער אונטער דער הערשאַפט פונעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד און ווילן, דאָס שאַפט קולטור, וואָס איז אונדזער, מיט אונדזער ווילן און מיט אונדזער פאַרשטאַנד געשאַפענע, „צווייטע נאַטור".

דאָס ווערט אַמבעסטן באַשטעטיקט דורך צוויי פאַקטן: דער באַרימטער כעמיקער דמיטרי מענדע־לעיעוו האָט געשאַפן, אויפן סמך פון זיין פאָרשן, די אַלעמען גוט־באַקאַנטע עלעמענטן — אייזן, בליי, שוועבל, קוועקזילבער אאז"וו „אַ פּעריאָדישע סיסטעם פון עלעמענטן", וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז אין דער נאַטור מוזן עקזיסטירן פיל אַנדערע עלעמענטן, וואָס זיינען דורך קיינעם נאָך נישט געפונען געוואָרן און

נישט אויפגעדעקט געוואָרן; ער האָט באַוויזן די סימנים פון די אַ עלעמענטן, וואָס זיינען נאָך קיינעם נישט באַקאַנט. איצט זיינען זיי אַלע שוין אויפגע־דעקט געוואָרן, און אויסער זיי, זיינען מיטן זעלבן מענדעליעוו־מעטאָד, געפונען געוואָרן אויך אַנדערע, עלעמענטן, וואָס ער האָט וועגן זיי ניט געאַנט.

אַ צווייטער פאַקט: האָנאָרי באַלזאַק, איינער פון די גרעסטע קינסטלער, אַ פראַנצויז, אַ ראָמאַניסט, באַאָבאַכטנדיק די פסיכאָלאָגיע פון מענטשן, האָט באַוויזן אין איינעם פון זיינע ווערק, אַז אינעם אָרגאַניזם פונעם מענטש ווירקן געוויס אַזעלכע שטאַרקע זאַפטן, וואָס זיינען דער וויסנשאַפט נישט באַקאַנט, און וואָס דורך דעם דערקלערן זיך פאַרשיידענע פסיכאָ-פיזישע אייגנשאַפטן פונעם אָרגאַניזם. ס׳זיינען אַריבער עט־לעכע צענדליק יאָר, און די וויסנשאַפט האָט אַנטדעקט אינעם מענטשלעכן אָרגאַניזם אייניקע, פריער אומ־באַקאַנטע דריזן, וואָס אַרבעטן אויס אָט די זאַפטן — „האָרמאָנען" און געשאַפן די טיף־באַדייטנדיקע לערע וועגן „אינערלעכער סעקרעציע". אַזעלכע צונויפ־פאַלן צווישן דער שאַפערישער אַרבעט פון פאָרשער און די גרויסע קינסטלער — זיינען דאָ נישט ווייניק. לאָמאַנאָסאָוו, געטע זיינען גלייכצייטיק געווען דיכטער און געלערנטע, פונקט ווי דער ראָמאַניסט סטרינד־בערג, — ער האָט דער ערשטער אין זיין ראָמאַן „קאַ־פיטאַן קאָל" גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט אַרויסצו־באַקומען אַזאָט פון דער לופט.

די קונסט פון וואָרט־שאַפן, די קונסט פון שאַפן כאַראַקטערן און „טיפּן" פאַרלאַנגט פאַנטאַזיע, אָנ־שטויס, „אויסטראַכטעניש". ווען אַ שרייבער באַ־שרייבט איינעם אַ הענדלער, אַ באַאַמטן, אַן אַרבעטער, וואָס ער קען, מאַכט ער דערביי אַ מער־וויניקער גע־לונגענע פאָטאָגראַפיע פון איין מענטשן, אָבער דאָס וועט זיין נישט מער ווי אַ פאָטאָגראַפיע און ס'וועט איר פעלן די סאָציאַל־דערציערישע באַדייטונג, און זי וועט גאָרנישט מיטהעלפן דער פאַרברייטערונג און פאַרטיפונג פון אונדזער וויסן און פאַרשטיין דעם מענטש, דאָס לעבן.

אָבער אויב דער שרייבער וועט באַווייזן אַרויסצו־ברענגען פון יעדן איינעם פון די 20־50, פון די הונ־דערטער הענדלער, באַאַמטע, אַרבעטער, די סאַמע־כאַראַקטעריסטישע קלאַסן־שטריכן, געשמאַקן, האַוואַ־יעס, אַבערגלויבענישן, דעם אַרט און גאַנג פון רעדן אאַז"וו — און אַרויסבאַקומען און פאַראייניקן זיי אין איין הענדלער, אין איין באַאַמטן, אין איין אַרבעטער, — אויף אַזאַ אופן וועט דער שרייבער שאַפן „אַ טיפּ" — און דאָס מיינט — קונסט. די ברייטקייט פון באַ־אָבאַכטונגען, די רייכקייט פון לעבנס־דערפאַרונג באַ־וואָפנט אַ קינסטלער מיט אַ קראַפט, וואָס באַזיגט אָפט זיין פערזענלעכע באַציאונג צו פאַקטן, זיין סוב־יעקטיוויזם. סוביעקטיוו איז באַלזאַק געווען אַן אָנ־הענגער פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, אָבער אין זיי־נע ראָמאַנען האָט ער געשילדערט די נידערטרעכטי־

קייט און נישטיקייט פון קליינבירגערטום מיט אַ וואונ־דערלעכער און אַכזריותדיקער שאַרפקייט. עס זיינען דאָ פיל ביישפּילן, ווען אַ קינסטלער ווערט דער אָב־יעקטיווער היסטאָריקער פון זיין קלאַס, פון זיין תקופה. אין אָט די פאַלן איז די אַרבעט פונעם קינסטלער גלייכווערטיק מיט דער אַרבעט פונעם נאַטור־וויסנ־שאַפטלעכער, וועלכער פאָרשט אויס די עקזיסטענץ־און נאַרונגס־באַדינגונגען פון בעלי־חיים, די סיבות פון זייער פאַרמערונג און אויסשטאַרבונג, מאָלט ביל־דער פון זייער פאַרביטערטן קאַמף פאַרן לעבן.

אין קאַמף פאַרן לעבן האָט דער אינסטינקט פון זעלבסט־באַשיצונג אַנטוויקלט אינעם מענטשן צוויי מעכטיקע שאַפונגס־כוחות: דערקענטעניש און פאָר־שטעלונג. דערקענטעניש — איז די פעאיקייט צו באַאָבאַכטן, פאַרגלייכן, פאָרשן די דערשיינונגען פון דער נאַטור און די פאַקטן פונעם סאָציאַלן לעבן. הקי־צור — דערקענטעניש מיינט דענקען. פאָרשטעלונג איז אויך, אין תוך גענומען, דענקען וועגן דער וועלט, אָבער עס איז אַ דענקען בעיקר מיט געשטאַלטן, אַ „קינסטלערישס״; מע קאָן זאָגן, אַז פאָרשטעלונג איז די פעאיקייט צוצוגעבן די סטיכייאישע דערשיינונ־גען פון דער נאַטור און פון זאַכן, מענטשלעכע זיטן, מענטשלעכע פילונגען, און אפילו ווילונגען.

מיר לייענען און מיר הערן: „דער ווינט וויינט״, „דער ווינט קרעכצט״, „די לבנה לויכט פאַרטראַכט״, „דער טייך האָט געשעפּטשעט אַלטע געזאַנגען״, „דער

וואַלד האָט זיך אָנגעברוגזט", „די כוואַליע האָט גע־וואָלט אָוועקרוקן דעם שטיין, האָט ער זיך געקנייטשט אונטער אירע קלעפּ, און נישט אָפּגעטראָטן", „דער שוך האָט ניט געוואָלט אַרויפקריכן אויפן פוס", „די שויבן האָבן גענומען שוויצן", — הגם גלאָז האָט נישט קיין שווייס־דריזן.

דאָס אַלץ מאַכט פאַר אונדז די נאַטור־דערשיי־נונגען פאַרשטענדלעכער. עס הייסט „אַנטראָפּאָמאָר־פיזם", פון די גריכישע ווערטער: „אַנטראָפּאָס" — מענטש און „מאָרף" — פאָרם, געשטאַלט. מיר באַמערקן דאָ, אַז דער מענטש גיט צו צו אַלץ, וואָס ער זעט, זיינע מענטשלעכע אייגנשאַפטן — ער שטעלט פאָר, טראָגט זיי אַריין אומעטום — אין אַלע נאַטור־דערשיינונגען, אין אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך זיין אַרבעט, דורך זיין פאַרשטאַנד. פאַראַן מענטשן, וועמען ס'ווייזט זיך אויס, אַז אַנטראָפּאָמאָר־פיזם איז נישט צוגעפּאַסט און אפילו שעדלעך אין וואָרט־קונסט, אָבער אָט־די מענטשן זאָגן אַליין: „דער פראָסט האָט געשטשיפּעט די אויערן", „די זון האָט געשמייכלט", „ס'איז געקומען מאַי"; זיי קאָנען נישט עס נישט זאָגן: „דער רעגן גייט", הגם דער רעגן האָט נישט קיין פיס, אָדער „דער וועטער איז פּאַסקודנע", הגם די נאַטור־דערשיינונגען קאָנען נישט אונטערגעוואָרפן ווערן אונדזערע מאָראַלישע אָפּשאַ־צונגען.

איינער פון די אַמאָליקע גריכישע פילאָסאָפן — קסענאָפאַן — האָט באַשטעטיקט, אַז ווען די בעלי־חיים וואָלטן פאַרמאָגט די פאָרשטעלונגס־פעאיקייטן, וואָלטן די לייבן זיך פאָרגעשטעלט גאָט ווי אַ מעכ־טיקן און אומבאַזיגלעכן לייב, די מויז — ווי אַ מויז אאַז״וו. ווייזט אויס, אַז אַ קאָמאַר־גאָט וואָלט אויך געווען אַ קאָמאַר, און דער גאָט פון דער טובערקו־ליאָזער באַציל — וואָלט געווען אַ באַציל. דער מענטש האָט פאָרגעשטעלט זיין גאָט אַן אַלצוויסנדיקן, אַן אַל־מעכטיקן, אַן אַלשאַפנדיקן, דאָס מיינט, ער האָט אים איינגעטיילט מיט אַלע זיינע בעסטע באַשטרעבונגען. גאָט איז בלויז אַ מענטשלעכע „אויסטראַכטעניש״, וואָס איז אַרויסגערופן דורך דעם „זייער ביטערן אָרעם לעבן״ און מיט די אומקלאָרע באַשטרעבונגען פון מענטש צו מאַכן מיט זיינע באַמיאונגען דאָס לעבן רייכער, גרינגער, רעכטפערטיקער, שענער. גאָט איז דערהייבן דורך די מענטשן איבערן לעבן, ווייל די בעסטע אייגנשאַפטן און ווילנס פון די מענטשן, וואָס זיינען אויפגעקומען אינעם פראָצעס פון זייער אַרבעט, האָבן נישט געהאַט קיין אָרט אין דער ווירקלעכקייט, וואו ס׳איז פאָרגעקומען אַ שווערער קאַמף פאַר אַ שטיקל ברויט. מיר האָבן געזען, אַז ווען די פראָגרע־סיווע מענטשן פונעם אַרבעטער־קלאַס האָבן פאַרשטאַ־נען ווי מ׳דאַרף איבערבויען דאָס לעבן כדי דאָס בעס־טע זאָל באַקומען די מעגלעכקייט און די פרייהייט פון אַנטוויקלונג, — איז גאָט געוואָרן פאַר זיי איבעריק,

ווי אַן אָפּגעלעבטע אויסטראַכטעניש. ס'איז פאַר־שוואונדן די נייטיקייט צו באַהאַלטן אַלדאָס שענסטע אין גאָט, ווייל ס'איז שוין איצט פאַרשטענדלעך, דורך וועלכע וועגן מען קאָן דאָס גוטע רעאַליזירן אין אַ לע־בעדיקער, ערדישער ווירקלעכקייט.

גאָט איז באַשאַפן געוואָרן אַזוי, ווי עס ווערן געשאַפן די ליטעראַרישע „טיפּן", לויט די געזעצן פון אַבסטראַקציע. „עס ווערן אַבסטראַהירט", עס ווערן אויסגעטיילט די כאַראַקטעריסטישע מעשים פון פיל העלדן, דערנאָך ווערן אָט די שטריכן „קאָנקרע־טיזירט" — פאַראַלגעמיינערט אין איין העלד, לאָמיר זאָגן — הערקולעס אָדער דער ריאַזאַנישער פויער איליאַ מוראָמעץ: עס ווערן אויסגעטיילט שטריכן, די סאַמע נאַטירלעכע ביי יעדן סוחר, אַדלמאַן, פויער און זיי ווערן פאַראַלגעמיינערט אין דער פּערזאָן פון איין סוחר, פון איין אַדלמאַן, פון איין פויער, — אַזוי־אַרום באַקומען מיר אַ „ליטעראַרישן טיפּ". אויף אַזאַ אופן זיינען געשאַפן געוואָרן די טיפּן פאַוסט, האַמלעט, דאָן קישאָט, און אַזוי אויך האָט לעוו טאָלסטאָי אָנגע־שריבן זיין שטילן דערשלאָגענעם פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו, דאָסטאָיעווסקי — די אַלערליי קאַראַמאַזאָווס און סוויד־ריגאַילאָווס, גאָנטשאַראָוו —אָבלאָמאָוון אאַז"וו.

אַזעלכע מענטשן, ווי די אויסגערעכנטע, זיינען אין לעבן גופא נישט געווען; ס'זיינען געווען און עס זיינען דאָ ענלעכע צו זיי, פיל־נישטיקערע, ווייניק־גאַנצערע, און אָט פון זיי, די קליינע, ווי טורעמס פון

ציגל, האָבן די וואָרט־קינסטלער צוגעטראַכט, „אויס־געטראַכט" פאַראַלגעמיינערטע „טיפּן" פון מענטשן — די אויסגעשפּראָכענע טיפּן. יעדן ליגנער רופן מיר שוין אַ כלעסטאַקאָוו, אַ פרומען — טאַרטיוף און אַן אייפערזיכטיקן — אָטעלאָ אאַז"וו.

די הויפּט־„שטראָמען" אָדער ריכטונגען אין דער ליטעראַטור זיינען: ראָמאַנטיזם און רעאַליזם. רע־אַליזם הייסט שילדערן דאָס ריכטיקע, נישט־צוגעפּוצטע פון מענטשן און פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען. פאַר ראָמאַנטיזם זיינען דאָ עטלעכע פאָרמולעס, אָבער אַ פינקטלעכע פאָרמולע, אינגאַנצן־אויסשעפּנדיקע, וואָס מיט איר זאָלן מסכים זיין אַלע ליטעראַטור־היסטאָ־ריקער, איז נאָך דערווייל נישטאָ, זי איז נאָך נישט אויסגעאַרבעט. אין ראָמאַנטיזם דאַרף מען אויסטיילן צוויי, שאַרף־פאַרשיידנאַרטיקע ריכטונגען: אַ פּאַסי־ווער ראָמאַנטיזם, — ער פּרובירט אָדער שלום צו מאַכן דעם מענטשן מיט דער ווירקלעכקייט, ער פאַר־שענערט זי, אָדער ער ציט אָפּ דעם מענטש פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט צו פרוכטלאָזע גריבלענישן אין דער אייגענער אינעווייניקסטער וועלט, צו טראַכטע־נישן וועגן די „גורלדיקע רעטענישן פונעם לעבן", וועגן ליבע, וועגן טויט, — צו רעטענישן, וואָס מ'קאָן נישט לייזן דורך טראַכטענישן און אַריינבליקעכצן, נאָר זיי קאָנען געלייזט ווערן בלויז דורך דער וויסנשאַפט. דער אַקטיווער ראָמאַנטיזם שטרעבט צו פאַרשטאַרקן

דעם מענטשנס ווילן, דערוועקן אין אים אַ בונט קעגן דערווירקלעכקייט, קעגן יעדער אונטערדריקונג.

בנוגע אַזעלכע שרייבער־קלאַסיקער ווי באַלזאַק, טורגענעוו, טאָלסטאָי, גאָגאָל, לעסקאָוו, טשעכאָוו, איז שווער צו זאָגן מיט דער גענויער פּינקטלעכקייט, — ווער זיינען זיי, — ראָמאַנטיקער אָדער רעאַליסטן? ביי גרויסע קינסטלער איז רעאַליזם און ראָמאַנטיזם שטענדיק ווי פאַראייניקט. באַלזאַק איז אַ רעאַליסט, אָבער ער האָט אויך געשריבן אַזעלכע ראָמאַנען, וואָס זיינען גאַנץ ווייט פון רעאַליזם. טורגענעוו האָט אויך געשריבן זאַכן אין ראָמאַנטישן גייסט, פּונקט ווי די אַלע אַנדערע גרויסע שרייבער אונדזערע, פון גאָגאָלן ביז טשעכאָוון און בונינען. אָט דער צונויפגמיש פון ראָמאַנטיזם און רעאַליזם איז באַזונדערס כאַראַקטע־ריסטיש פאַר אונדזער גרויסער ליטעראַטור, דאָס גיט איר צו די אָריגינעלקייט, די קראַפט, וואָס איז אַלץ־מער קענטיק און ווירקט טיף אויף די ליטעראַטורן פון דער גאַנצער וועלט.

די קעגנזייטיקע באַציאונג פון רעאַליזם און ראָ־מאַנטיזם וועט זיין פאַר אייך קלערער, ווען איר וועט זיך פאַרטראַכטן אויף דער פראַגע: „פאַרוואָס קומט־אויף דער ווילן צו שרייבן?" אויף אָט דער פראַגע זיינען דאָ צוויי ענטפערן; איינעם פון זיי גיט מיינע אַ קאָרעספּאָנדענטין, אַ טאָכטער פון אַן אַרבעטער, אַ מיידל פון אַ יאָר 15. זי שרייבט מיר אין איר בריוו:

„איך בין אַלט 15 יאָר, און אין אַזאַ פריען עלטער האָט זיך באַוויזן ביי מיר אַ שרייבערישער טאַלאַנט, — די סיבה איז — דאָס ביטער אָרעם לעבן".

עס וואָלט, געוויס, געווען ריכטיקער, ווען זי וואָלט געזאָגט ניט „שרייבערישער טאַלאַנט", — נאָר דער ווילן צו שרייבן, כדי צו באַשיינען דורך „אויסטראַכ־טעניש" און רייכער מאַכן מיין „שווער אָרעם לעבן".

דאָ קומט אויף אַ פראַגע: וועגן וואָס קאָן מען שרייבן, לעבנדיק „אַ שווער אָרעם לעבן?"

אויף דעם ענטפערן די פרעמדע שבטים פון פּאָוואָ־לאָזשיע, פּריאוראַליע, סיביר. פיל פון זיי האָבן נעכטן נאָך נישט געהאַט קיין אייגענע שריפט, אָבער שוין צענדליקער יאָרהונדערטער און ביז אונדזערע איצ־טיקע טעג האָבן זיי באַרייכערט און באַפּוצט זייער „שווער, אָרעם לעבן" אין די פּוסטע וועלדער, אין די זומפּן, אין די מדברדיקע סטעפּעס פון מזרח און אין די געדיכטע טונדרעס פון צפון מיט לידער, מעשהלעך, לעגענדעס וועגן העלדן, מיט אויסטראַכטענישן וועגן גאָט; אָט די פאַרשיידענע באַטראַכטונגען ווערן אָנגע־רופן „רעליגיעזע שאַפונג", אָבער אין דער אמתן איז עס אויך קינסטלערישע שאַפונג.

ווען מיין 15־יאָריקע קאָרעספּאָנדענטין וואָלט טאַקע פאַרמאָגט טאַלאַנט — און איך ווינטש איר עס, פאַרשטייט זיך, פונעם פולן האַרצן — וואָלט זי, גע־וויס, געשריבן אַזוי־גערופענע „ראָמאַנטישע" זאַכן, זי

וואָלט זיך באַמיט צו באַרייכערן איר „שווער אָרעם לעבן" מיט שיינע אויסטראַכטענישן, זי וואָלט געמאָלט מענטשן בעסער ווי זיי זיינען אין דערווירקלעכקייט. גאָגאָל האָט אָנגעשריבן „ווי אַזוי איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זיך צעקריגט מיט איוואַן ניקיפאָראָוויטש", „אַל־מאָדישע גוטבאַזיצער", „טויטע נפשות", ער האָט אויך אָנגעשריבן „טאַראַס בולבאַ". אין די ערשטע דריי זאַכן האָט ער געשילדערט מענטשן מיט „טויטע נפשות" און דאָס איז — דער ביטערער אמת; אַזעל־כע מענטשן האָבן געלעבט און לעבן נאָך ביז היינטיקן טאָג; מאָלנדיק זיי, האָט גאָגאָל געשריבן וועגן זיי ווי אַ „רעאַליסט".

אין דער דערציילונג „טאַראַס בולבאַ" האָט ער געמאָלט די זאַפּאָראָזשיער ווי גאָטליבהאָבערישע רי־טער און גבורים, וואָס הייבן אויף דעם שונא אויף דער שפּיז, הגם דאָס הילצערנע הענטל פון דער שפּיז קאָן נישט אויפהאַלטן קיין פינף־פּודיקע משא, עס וועט גלייך איבערגעבראָכן ווערן. בכלל זיינען אַזעלכע זאַפּאָ־ראָזשיער ניט געווען, און גאָגאָלס דערציילונג וועגן זיי איז אַ „שיינער ליגן". דאָ, ווי אין אייניקע אַנדערע דערציילונגען, איז גאָגאָל אַ ראָמאַנטיקער, און, ווייזט אויס, אַ ראָמאַנטיקער דערפאַר, ווייל ער איז מיד געוועזן צוקוקן זיך צו דעם „שווער, אָרעם לעבן" פון די „טויטע נפשות".

דער מענטש איז נאָך אין פיל פאַלן אַ חיה, אָבער גלייכצייטיק איז ער — קולטורעל — נאָך אַלץ אַ

דערוואַקסלינג און באַפּוצן אים, לויבן — איז זייער נוצלעך: דאָס פאַרשטאַרקט די אַכטונג צו זיך אַליין, דאָס העלפט מיט צו אַנטוויקלען אין אים אַ צוטרוי, אַ צוטרוי צו זיינע שאַפערישע כוחות. און דערצו איז דאָך דאָ פאַרוואָס צו לויבן און צו רימען אַ מענטשן, — אַלדאָס גוטע און געזעלשאַפטלעכע שאַפט זיך דורך זיין קראַפט, דורך זיין ווילן.

מיינט עס, אַז מיט דעם וואָס איך האָב פריער געזאָגט, באַשטעטיק איך די נויטווענדיקייט פון ראָמאַנטיזם אין דער ליטעראַטור? יאָ, איך פאַרטיידיק, אָבער מיטן באַדינג פון אַ זייער וויכטיקן עיקרדיקן צוגאָב צום „ראָמאַנטיזם".

אַן אַנדערער קאָרעספּאָנדענט מיינער, 17 יאָר אַלט, אַן אַרבעטער, רופט צו מיר: „איך האָב אַזוי פיל איינדרוקן, אַז נישט שרייבן קאָן איך נישט".

אין דעם פאַל דערקלערט זיך די שטרעבונג צו שרייבן שוין נישט מיטן אָרעמען לעבן, נאָר מיט איר רייכקייט, מיט דער איבערגעלאָדנקייט פון איינדרוקן, מיטן אינעווייניקסטן דראַנג אויסצודערציילן זיי. אַן איבערוויגנדיקע מערהייט פון מיינע יונגע קאָרעספּאָנדענטן ווילן שרייבן אייגנטלעך דערפאַר, ווייל זיי זיינען רייך מיט לעבנס־איינדרוקן, „זיי קאָנען נישט שווייגן" וועגן דעם וואָס זיי האָבן געזען און אַדורכגעמאַכט. פון זיי קומען אַרויס, אָן ספק, נישט ווייניק „רעאַליסטן", אָבער איך טראַכט, אַז אין זייער רעאַליזם וועלן אויך זיין אייניקע סימנים פון ראָמאַנ־

טיזם, וואָס איז אומפאַרמיידלעך און געזעצלעך אין דער תקופה פון געזונטער גייסטיקער דערהייבונג, — און מיר לעבן דאָך איבער אַזאַ מין דערהייבונג.

אַזוי אַרום ענטפער איך אויף דער פראַגע: פאַר־וואָס האָב איך גענומען שרייבן? אָט וואָס: ווייל „דאָס שווערע, ביטערע לעבן" האָט געדריקט און ווייל איך האָב געהאַט אַזויפיל איינדרוקן, אַז „נישט שרייבן האָב איך נישט געקאָנט." די ערשטע סיבה האָט גע־צוואונגען מיך פּרובירן אַריינצוטראָגן אין דעם „אָרעם" לעבן אַזעלכע אויסטראַכטענישן, אויסמאָלעכצן, ווי דאָס „מעשהלע מיטן אָדלער", „די לעגענדע וועגן אַ האָרץ וואָס פלאַקערט", „שטורעם־אַנזאָגער", און צוליב דער צווייטער סיבה האָב איך אָנגעהויבן שרייבן מעשות פון אַ „רעאַליסטישן" כאַראַקטער — „זעקס און צוואַנ־ציק און איינע", „דאָס פאַרפאַלק אָרלאָוו", „פּרעסער".

בנוגע דער פראַגע פון אונדזער „ראָמאַנטיזם" איז וויכטיק צו וויסן אויך דאָס: ביז טשעכאָוון — די דערציילונגען „פויערן", „אין טאָל", און איוואַן בונין — „דאָרף" און אַלע זיינע דערציילונגען וועגן פויערן, — האָט די אַדעליקע ליטעראַטור אונדזערע ליב געהאַט און פרעכטיק געקאָנט שילדערן אונדזער פויער פאַר אַ שטילן, געדולדיקן און פאַרליבטן אין עפּעס אַן איבערערדישן „קריסטוס אמת", וואָס איז גאָר אין דערווירקלעכקייט נישטאָ, נאָר וואָס עס טרוימען וועגן דעם פויערן ווי טורגענעווס קאַליניטש און פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו פון טאָלסטאָיס „קריג און

פרידן״. אַזאַ מין שטילן און געדולדיקן פֿויער, אַ טרוי־מער וועגן אַ „געטלעכן אמת״ האָט מען אָנגעהויבן צו שילדערן אַ צוואַנציק יאָר איידער מ׳האָט אָפּ־געשאַפֿט דאָס געזעץ פֿון לייב־אייגנטום, הגם אין יענער צייט האָט דאָס אַמאָליקע דאָרף שוין אַרויסגערוקט פֿון זיין פֿינצטערער סביבה אַ פּיינע צאָל טאַלאַנטפֿולע קאָמערציעלע אונטערנעמער ווי די קאָקאָרעווס, גובאַ־נינס, מאָראָזאָווס, קאָלטשינס, זשוראַווליאָווס און אַנ־דערע. גלייכצייטיק מיט אָט דעם פּראָצעס איז אין דער זשורנאַליסטיק אַלץ מער דערמאָנט געוואָרן די לעגענדאַרע פֿיגור פֿון דעם אָפּשטאַמער פֿון „פֿויערן״ — לאָמאָנאָסאָוו, דער דיכטער און איינער פֿון די גרעס־טע געלערנטע.

פֿאַבריקאַנטן, שיפֿבויער, סוחרים, — נעכטן נאָך רעכטלאָזע, — האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען אין לעבן אַן אָרט צוזאַמען מיט די אַדעליקע, ווי די אַמאָליקע רוימישע „באַפֿרייטע״ קנעכט, האָבן זיך געזעצט ביי איין טיש מיט זייערע הערשער. די פֿויערישע מאַסע, וואָס רוקט אַרויס אַזעלכע מענטשן, דעמאָנסטרירט דורך דעם איר קראַפֿט און טאַלאַנטפֿולקייט, וואָס איז באַ־האַלטן אין איר, אין דער מאַסע. אָבער די אַדעליקע ליטעראַטור האָט ווי נישט געזען און נישט געפֿילט עס און האָט נישט געשילדערט דעם העלד פֿון דער תקופה דעם ווילנפֿולן, דעם גיריקן צום לעבן, דעם רעאַלן מענטש — דעם בויער, דעם פֿלינקן „באַלע־באָס״, און אַלץ פֿאַרגעזעצט צו שילדערן דעם שטילינקן

קנעכט, דעם געוויסנהאַפּטיקן פּאַליקושקאַ. אין 1852 שרייבט לעוו טאָלסטאָי זייער אַ טרויעריקע געשיכטע „דעם גוטבאַזיצערס פרימאָרגן” און דערציילט פּרעכ־טיק ווי די קנעכט גלייבן נישט דעם גוטן, ליבעראַלן באַלעבאָס. אין 1862 הייבט טאָלסטאָי אָן צו דער־ציען פּויערישע קינדער, — ער הייבט אָן צו נעגירן „פּראָגרעס” און וויסנשאַפט און דערוויזט: לערנט זיך צו לעבן שיין ביי די פּויערן; און אָנגעהויבן פון די 70ער יאָרן שרייבט ער פאַרן „פאָלק” און פאַר פּויערן, און ער לערנט, אַז דאָס סאַמע רעכטפאַרטיקע און גליקלעכע לעבן איז דאָס דאָרפישע, און די סאַמע הייליקע אַרבעט — איז די פּויערישע מי „אויף ערד”. און דערנאָך אין זיין דערציילונג „אַ סך ערד באַדאַרף דען אַ מענטש” האָט ער געזאָגט, אַז אַ מענטש באַדאַרף אינגאַנצן אַ דריי אַרשין ערד, אויף אַ קבר.

דאָס לעבן האָט שוין פון די שטילע קריסטוס־ליבנדיקע געשאַפן בויער פון די נייע פאָרמען פון עקאָנאָמישן לעבן, טאַלאַנטפולע גרויסע און קליינע „בורזשואַ”, די רויבער ראַזוואַיעווס און קאָלופּאַ־יעווס, וואָס זיינען געשילדערט דורך גליעב אוספּענ־סקין, און צוזאַמען מיט אָט די רויבער אויך די בונטאַרן, רעוואָלוציאָנערן. אָבער אָט די אַלע מענטשן זיינען נישט באַמערקט געוואָרן דורך דער ליטעראַטור פון די אַדעליקע. גאָנטשאַראָוו, אין זיין ראָמאַן „אָבלאָמאָוו” — איינער פון די סאַמע בעסטע ראָמאַנען אין אונ־דזער ליטעראַטור, — האָט קעגנגעשטעלט דעם רוסישן

ביז צו שוואַכזיניקייט פוילגעוואָרענעם „באַרין" (באַ־לעבאָס) — אַ דייטש, און נישט איינעם פון די „געווע־זענע" רוסישע פויערן, וואָס צווישן זיי האָט ער, גאַנ־טשאַראָוו, געוואוינט און וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך מיטן עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. אויב די אַדעליקע שרייבער האָבן געשילדערט דעם רע־וואָלוציאָנער, איז עס געווען אָדער אַ פרעמדער, אַ בולגאַר, אָדער אַ בונטאַר אין רעדן — רודין. דער ווילנפולער, אַקטיווער רוסישער מענטש, ווי אַ העלד פון זיין תקופה, איז געבליבן אויסער דער ליטעראַ־טור, ערגעץ־וואו „מחוץ פון דעם זעאונגס־קרייז" פון די שרייבער, הגם ער האָט וועגן זיך געמאָלדן גאַנץ ראַשיק — דורך די באָמבעס. מע קאָן ברענגען זייער פיל באַווייזן, ווי דער אַקטיווער ראָמאַנטיזם, וואָס רופט צום לעבן, צו טאָט איז געווען פרעמד דער רוסישער אַדעליקער ליטעראַטור. קיין שרייבער ווי פרידריך שי־לער האָט זי נישט געקאָנט שאַפן און אָנשטאָט די „רויבער" האָט זי פּרעכטיק געמאָלט „טויטע נפשות", „לעבעדיקער מת", „טויטע הייזער", „לעבעדיקע ביי־נער", „דריי טויטן" און פיל אַנדערע טויטן. „פאַר־ברעכן און שטראָף" האָט דאָסטאָיעווסקי אָנגעשריבן ווי אין קעגנזאַץ צו שילערס „רויבער", און די „טייוו־לאָנים" פון דאָסטאָיעווסקי — דער סאַמע טאַלאַנט־פולער און דער סאַמע בייזער פון אַלע פּרואוון צו קאָמפּראָמענטירן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די 70ער יאָרן.

דער ליטעראַטור פון די ראַדיקאַל־אינטעליגענטן איז דער אַקטיווער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנ־טיזם אויך געווען פרעמד. דער אַמאָליקער ראַדיקאַלער אינטעליגענט איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיין פערזענלעכן גורל, מיט די שטענדיקע זוכענישן פון זיין אייגענער ראָלע אין דער לעבנס־דראַמע. דער ראַ־דיקאַלער אינטעליגענט האָט געלעבט צווישן „האַמער און קאָוואַדלע", האַמער — די זעלבסטהערשאַפט, און די קאָוואַדלע — „דאָס פאָלק".

די דערציילונגען פון סלעפּצאָוון „אַ שווערע צייט" און אָסיפּאָוויטש־נאָוואָדוואָרסקיס „די נאָטיצן נישט פון קיין פּאַווע, נישט פון קיין קראָ" — זייער אמתדיקע און שטאַרקע ווערק — שילדערן די טראַגישע לאַגע פון קלוגע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין פעסטן אָנ־שפּאַר אין לעבן און זיי לעבן „נישט ווי פּאַוועס און נישט ווי קראָען", אָדער זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין גאָטספּאָרכטיקע קליינבירגער, ווי ס׳האָט וועגן דעם דערציילט קושטשעווסקי און דער וואונדערלעך־טאַ־לאַנטפולער, קלוגער, נישט־גענוג אָפּגעשאַצטער פּאָ־מיאַלאָווסקי אין זיינע דערציילונגען „מאָלאָטאָוו" און „קליינבירגערלעך גליק". אגב,ביידע אָט די דערציי־לונגען זיינען שטאַרק היינטצייטיק און זייער נוצלעך אין אונדזערע טעג, וואָס דער קליינבירגער, וואָס לעבט־אויף הייבט אָן גאַנץ דערפאָלגלעך צו בויען פאַר זיך אַ גאַנץ ביליק הימעלע אין אַ לאַנד, וואו דער אַרבע־

טער־קלאַס האָט באַצאָלט מיט טייכן בלוט פאַר זיין רעכט צו בויען אַ סאָציאַליסטישע קולטור.

די אַזוי־גערופענע שרייבער־„פּאָלקיסטן" (נאַראָד־ניקעס) — זלאַטאָווראַטסקי, זאַסאָדימסקי, וואָלאָגדין, לעוויטאָוו, נעפעדאָוו, באַזשין, ניקאָלאַי אוספענסקי, ערטעל, טיילוויין אויך סטאַניוקאָוויטש, קאַראָנין־פּעט־ראָפּאַוולאָווסקי און פיל אַנדערע — האָבן גאַנץ פלייסיק און אין טאָן פון דער אַדעליקער ליטעראַטור זיך פאַר־נומען מיט דער אידעאַליזירונג פונעם דאָרף, פונעם פויער, וועלכער האָט זיך פאַרגעשטעלט די „פּאָל־קיסטן" ווי אַ סאָציאַליסט לויט זיין נאַטור, וואָס ווייסט נישט פון קיין אַנדערן אמת אויסער דעם אמת פון דער „געמיינדע", פון דעם קאָלעקטיוו. דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן אַזאַ פאָרשטעלונג וועגן דעם פּוי־ערטום איז געווען דער פּרעכטיק־טאַלאַנטפולער „באַ־רין" א. אי. גערצען, דערנאָך האָט עס פאַרגעזעצט נ. ק. מיכאַילאָווסקי, וואָס האָט אַנטדעקט צוויי אמתן: „דעם אמת פון וואָרהאַפטיקייט" און „דעם אמת פון גערעכטיקייט". די ווירקונג פון אָט דער גרופּע שרייבער אויף דער „געזעלשאַפט" איז געווען נישט פעסט און אויך קורצצייטיק. זייער „ראָמאַנטיזם" האָט זיך אונטערשיידט פונעם אַדעליקן ראָמאַנטיזם בלויז מיט דער שוואַכער טאַלאַנטפולקייט, זייערע טרויי־מער זיינען געווען די פּויערימלעך „מינאַאי" און „מי־טיאַי" — שלעכטע קאָפּיעס פון די פּאָרטרעטן פון

„פּאַליקושקאַ‟ און „קאַליניטש‟, „קאַראַטאַיעוו‟ און די איבעריקע וואונדערלעכע פּויערימלעך.

עס האָבן געהאַט אַ שייכות צו אַט דער גרופּע, נאָר זיינען געווען סאָציאַל פיל ווייטזעעוודיקער און טאַלאַנט־פולער פון אַלע, אויך אינאיינעם גענומען, „פּאַלקיסטן‟ די צוויי גרויסע שרייבער ד. נ. מאַמין־סיביריאַק און גלעב אוספּענסקי. זיי האָבן די ערשטע דערפילט און באַצייכנט דעם אונטערשייד צווישן דאָרף און שטאָט, פונעם אַרבעטער און פּויער. באַזונדערס קלאָר איז עס געווען אוספּענסקין, דעם מחבר פון צוויי פּרעכטיקע ווערק: „די זיטן פון דער ראַסטעריאַוועד גאַס‟ און די „מאַכט פון ערד‟. דער סאָציאַלער באַטייט פון אָט די ווערק איז נישט געמינערט אויך פאַר אונדזער צייט, און בכלל האָבן די דערציילונגען פון אוספּענסקין נאָך נישט אָנגעוואוירן זייער דערציערישן ווערט; די ליטעראַרישע יוגנט קאָן נאָך פיל און גוט לערנען ביי אָט דעם שרייבער צו קאָנען באַאָבאַכטן און אויך ברייטער מאַכן זיין וויסן פון דערווירקלעכקייט.

אַ לחלוטין נעגאַטיווע באַציאונג צו אידעאַלי־זירן דעם דאָרף האָט אַרויסבאַוויזן א. פּ. טשעכאָוו אין זיינע דערמאָנטע דערציילונגען „פּויערן‟, „אין טאָל‟ און אין דער דערציילונג „אויף אַ זומער־וואוי־נונג‟, און באַזונדערס שאַרף איז אויסגעדריקט אָט די באַציאונג ביי א. בונין אין זיין גרעסערער דערציילונג „דאָרף‟ און אין אַלע זיינע מעשות וועגן דעם פּוי־ערטום. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז

אַזוי אומבּרחמנותדיק שילדערט דאָס דאָרף די פּויערן־שרייבּער סעמיאָן פּאָדיאַטשעוו און איוואַן וואָלנאָוו, דער זייער טאַלאַנטפולער און דער אַלץ מער וואַקסנ־דיקער קינסטלער. די טעמעס — דאָס לעבּן אין דאָרף, די פּסיכיק פונעם פּויער — לעבּעדיקע טעמעס פון אונדזער צייט, זייער וויכטיקע, — דאָס דאַרפן די אָנפאַנגער ליטעראַטן גוט קענען.

פון דעם אַלעמען געזאָגטן דרינגט אַרויס גאַנץ קלאָר, אַז אין אונדזער ליטעראַטור איז נישט געווען און ס'איז נאָך נישטאָ קיין „ראָמאַנטיזם", וואָס זאָל פריידיקן אַן אַקטיווע באַציאונג צו דערווירקלעכקייט, וואָס זאָל פריידיקן אַרבּעט און וועקן ווילן צום לעבּן, וואָס זאָל פריידיקן פּאַטאָס פון בּויען נייע לעבּנס־פאָרמען און האַס צו דער אַלטער וועלט ,וואָס איר בייזע ירושה מאַטערן מיר זיך מיט אַזויפיל מי און ווי אויס־צוראָטן. און ס'איז זייער וויכטיק צו פריידיקן עס, אויבּ מיר ווילן באמת זיך נישט אומקערן צום קליינ־בּירגערטום און ווייטער — דורכן קליינבּירגערטום — צו דער אויפלעבּונג פון דער קלאַסן־מלוכה, צו דער עקספּלואַטאַציע פון פּויערן און אַרבּעטער דורך פּאַראַ־זיטן און רויבּער. אייגנטלעך אויף אַזאַ מין „אויפלע־בּונג" וואַרטן און עס טרוימען אַלע שונאים פונעם ראַטנפאַרבּאַנד ; אייגנטלעך צוליבּ דעם, כדי צו צווינ־גען דעם אַרבּעטער־קלאַס אויפצושטעלן די אַלטע קלאַסן־מלוכה, בּלאָקירן זיי עקאָנאָמיש דעם פאַרבּאַנד. דער שרייבּער־אַרבּעטער מוז קלאָר פאַרשטיין, אַז דער

קעגנזאַץ צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און דער בור־זשואַזיע איז — נישט צו שלום מאַכן, אַז לייזן עס קאָן אָדער דער פולער נצחון אָדער אומקום. פון אַט דעם טראַגישן קעגנזאַץ, פון דער שווערקייט פון די אויפגאַבן, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן דורך דער געשיכטע אויפן אַרבעטער־קלאַס, דאַרף אויפקומען אַט דער אַקטיווער „ראָמאַנטיזם", אַט דער שאַפונגס־פּאַטאָס, אַט די „חוצפה" פון ווילן און פאַרשטאַנד און די אַלע רעוואָלוציאָנערע אייגנשאַפטן, וואָס מיט זיי איז געבענטשט דער רוסישער אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער.

פאַרשטייט זיך : מיר איז באַוואוסט, אַז דער וועג צו פרייהייט איז זייער אַ שווערער און עס איז נאָך נישט געקומען די צייט דאָס גאַנצע לעבן רואיק טרינקען טיי אין אַ פיינער געזעלשאַפט פון שיינע מיידלעך אָדער זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט און „אָנקוועלן פון דער אייגענער שיינקייט", צו וואָס עס זיינען גענייגט פיל יונגעלייט. די ווירקלעכקייט ווייזט אַלץ מער עקשנותדיק, אַז ביי די היינטצייטיקע באַדינגונגען קאָן מען נישט אײַנאָרדענען פאַר זיך קיין לייכט־רואיק לעבן, אַז מ'קאָן נישט זיין גליקלעך נישט אינצווייען, נישט אַליין, אַז דאָס קליינבירגערלעך־באַלגופישע רואיק־גליקלעך לעבן קאָן נישט זיין פעסט, — די פונדאַמענטן פון אַט דעם רואיק־גליקלעך לעבן זיינען אומעטום אין דער וועלט צעפוילט. וועגן דעם רעדט גאַנץ איבערצייגנדיק דער האַס, די פאַרטרויערטקייט און אומרו פון די קליינבירגער איבער דער וועלט, די לוויה־קרעכ־

צענישן פון דער איראָפּעאישער ליטעראַטור, די ווילדע פריילעכקייט, וואָס דער רייכער קליינבירגער באַמיט זיך מיט איר צו פאַרטויבן זיין פּחד פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, דער קרענקלעכער דורשט נאָך ביליקע פאַרוויי־לונגען, די אַנטוויקלונג פון געשלעכטלעכע אַבנאָר־מאַלקייטן, דער וואוקס פון פאַרברעכנס און זעלבסט־מאָרדן. די „אַלטע וועלט" איז, באמת, טויט־קראַנק, און מ׳דאַרף זיך צואיילן „אָפּצוטרייסלען דעם שטויב פון אונדזערע פיס", כדי דער צעפוילטער אָפּפאַל זאָל אונדז נישט אָנשטעקן.

אין דער צייט, וואָס אין איראָפּע קומט פאָר דער פּראָצעס פונעם אינעווייניקסטן צעפאַל פונעם מענטשן, איז ביי אונדז, ביי דער האָרעפּאַשנער מאַסע, אַנטוויקלט זיך אַ פעסטע זיכערקייט אין אייגענע כוחות און אינעם כוח פון דעם קאָלעקטיוו. אייך, דער יוגנט, דאַרף זיין באַוואוסט, אַז אָט די זיכערקייט קומט שטענדיק אויף אין דעם פּראָצעס פון באַזיגן די שטערונגען אויפן וועג צום בעסערן און אַז אָט די זיכערקייט — איז די סאַמע מעכטיקע שאַפונגס־קראַפט. מען דאַרף וויסן, אַז אין „דער אַלטער וועלט" איז מענטשלעך — און דעריבער אָן צווייפל וויכטיק און טייער — בלויז די וויסנשאַפט; אַלע „אידייען" פון דער אַלטער וועלט, — אויסער די אידייע פונעם סאָציאַליזם, — זיינען נישט מענטשלעך, ווייל אַזוי אָדער אַנדערש באַמיען זיי זיך איינצושטעלן און באַרעכטיקן די געזעצ־לעכקייט פון „גליק" און מאַכט פון איינצלנע, פון

יחידים, און קעגן די אינטערעסן פון דער קולטור און פרייהייט פון דער אַרבעטס־מאַסע.

איך געדענק נישט, אַז איך זאָל אין מיין יוגנט זיך האָבן געקלאָגט אויפן לעבן; די מענטשן, וואָס צווישן זיי האָב איך אָנגעהויבן צו לעבן, האָבן זייער ליב געהאַט זיך צו באַקלאָגן, און באַמערקנדיק, אַז זיי טוען עס פון כיטרעקייט כדי צו פאַרבאַהאַלטן אין די קלאָגענישן זייער נישט־וויליקייט צו העלפן איינער דעם אַנדערן — האָב איך זיך באַמיט זיי נישט נאָכצומאַכן. דערנאָך האָב איך זיך גיך איבערצייגט, אַז מער פון אַלץ האָבן ליב זיך צו באַקלאָגן אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען נישט פעאיק צו געבן אַ ווידערשטאַנד, מענטשן, וואָס קאָנען נישט אָדער ווילן נישט אַרבעטן, און בכלל מענטשן מיט אַ ספּעציעלן געשמאַק צו אַ „לייכט לעבן" אויפן חשבון פון די נאָענטע.

די מורא פאַרן לעבן האָב איך טיף אָדורכגעליטן; איצט רוף איך אָן אָט די מורא — די מורא פון אַ בלינדן. לעבנדיק — ווי איך האָב עס דערציילט — אין זייער שווערע באַדינגונגען, האָב איך פון מיין סאַמע קינדהייט זיך אָנגעזען מיט זינלאָזער אכזריות און מיט אומפאַרשטענדלעכער פאַר מיר שנאה צווישן מענטשן, איך בין געווען איבערראַשט צוצוזען די שווערע מי פון אייניקע און דאָס חיהשע גליקלעכע לעבן פון אַנדערע; גאָר פרי האָב איך פאַרשטאַנען, אַז וואָס „נעענטער צו גאָט" עס פילן זיך די רעליגיעזע מענטשן, וואָס ווייטער זיי זיינען פון

די, וואָס אַרבעטן אויף זיי, אַלץ מער אומברחמנותדיק זיינען זייערע פאָדערונגען צו די אַרבעטס־מענטשן; בכלל האָב איך זיך אָנגעזען מיט אַלערליי לעבנס־אומווירדיקייטן פיל מער, ווי איר אַלע זעט עס. חוץ דעם האָב איך עס געזען אין סאַמע מיאוסע פאָרמען, ווייל פאַר אייך דרייט זיך אַרום אַ קליינבירגער, וואָס איז אָנגעשראָקן פון דער רעוואָלוציע און שוין נישט קיין זייער זיכערער אין זיינע רעכט צו זיין אַזאַ, ווי ער איז לויט זיין נאַטור; און איך האָב געזען דאָס קליינבירגערטום, ווען איז געווען לחלוטין זיכער, אַז עס לעבט גוט און אַז אָט דאָס גוטע, רואיקע לעבן האָט זיך איינגעשטעלט פעסט, אויף שטענדיק.

אין יענער צייט האָב איך שוין געהאַט איבערגעלייענט איבערזעצונגען פון אויסלענדישע ראָמאַנען, און צווישן זיי זיינען מיר אריינגעפאַלן אין די הענט אויך ווערק פון אַזעלכע פּרעכטיקע שרייבער, ווי דיקענס און באַלזאַק, און אויך די היסטאָרישע ראָמאַנען פון ענסוואָרט, בולוער־ליטאָן, דיומאַ. אָט די ביכער האָבן מיר דערציילט וועגן מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן, מיט אַ שאַרף־אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער; וועגן מענטשן, וואָס לעבן מיט אַנדערע פריידן, וואָסליידן אַנדערש, און וואָס קעמפן פאַר טיפע און ערנסטע ווידערשפּרוכן. און אַרום מיר האָבן די קליינע מענטשעלעך געפירט אַ גיריק לעבן, מקנא געווען, אַרויס פון די כלים, זיך געשלאָגן און זיך געמשפּט דערפאַר וואָס דעם שכנס זון האָט מיט אַ שטיין אונ־

טערגעשלאָגן דער הון אַ פוס אָדער צעבראָכן אַ שויב אינעם פענצטער; אָדער דערפאַר, וואָס דער „קניש" איז צוגעברענט, אָדער דאָס פלייש אין באָרשטש איז איבערגעקאָכט, אָדער דאָס מילך איז זויער געוואָרן. זיי האָבן געקאָנט גאַנצע שעהן זיך רייסן דערפאַר, וואָס דער געוועלבניק האָט אַרויסגעצויגן אַ קאָפּיקע אויפן פונט צוקער, און דער מאַנופאַקטור־סוחר — אויף אַן אַרשין סיטץ. די קליינע אומגליקן ביי די שכנים האָבן אַרויסגערופן ביי זיי אמתע פרייד, זיי האָבן עס באַהאַלטן אונטער פאַלשן מיטגעפיל. איך האָב גוט געזען, אז די קאָפּיקע אייגנטלעך איז געווען די זון אויף די הימלען פון קליינבירגערטום און די קאָפּיקע צינדט עס אָן ביי די מענטשן די נישטיקע און קליינלעכע שנאה־קנאה. די טעפּלעך, סאַמאָוואַרן, מייערן, הינער, איבערפרעסן זיך ביז עקל און אָנטרינקען זיך ביזן ברעכן — אָט וואָס איז געווען דער לעבנס־אינהאַלט פון די מענטשן, וואָס צווישן זיי האָב איך אָנגעהויבן מיין לעבן. אָט דאָס עקלדיקע לעבן האָט אַרויסגע־רופן אין מיר אַ פאַרטעמפּטן לאַנגוויל, אָדער אַ ווילן צו פרעסן און זויפן, כדי אויפצוואַכן.

און אַמאָל האָט אָט דער לאַנגוויל געבראַכט צו אַ ווילדער הפקרות און צו־להכעיס־שטיקלעך; איך פלעג ביינאַכט אַרויפקריכן אויפן דאַך און פאַרשטאָפּן די אויוון־קוימענס מיט שמאַטעס און מיסט; איך האָב אונטערגעוואָרפן אין זידנדיקן באָרשטש זאַלץ, איך האָב אַראָפּגעבלאָזן פון אַ פּאַפּירן טרייבל שטויב אינעם

מעכאַניזם פון וואַנט־זייגערס, בכלל האָב איך געטאָן זאַכן, וואָס מ׳רופט אָן כוליגאַניזם; איך האָב עס גע־טאָן דערפאַר, ווייל כ׳האָב געוואָלט זיך פילן ווי א לע־בעדיקער מענטש, און האָב ניט געוואוסט, ניט געפונען קיין אַנדערע מיטלען ווי איבערצייגן זיך אין דעם. ס׳האָט גערוכט, אַז איך האָב פאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטן ווילדוואַלד, און פאַרקראָכן אין אַ זומפּ, וואו די פיס ריזנען ביז די קני.

איך געדענק אַזאַ פאַל: דורך דער גאַס, וואו איך האָב געוואוינט, האָט מען געפירט אַרעסטאַנטן פון דער תפיסה צו דער שיף, וואָס האָט אויף דער וואָלגע און קאָמע אָפּגעפירט זיי קיין סיביר; אָט די גרויע מענטשן האָבן מיך שטאַרק צוגעצויגן צו זיך; קאָן זיין, איך האָב זיי מקנא געווען וואָס אָט ווערן זיי געפירט אונטער אַ „קאָנוואָי" און אייניקע — אפילו אין קייטן, און דאָך גייען זיי ערגעץ־וואו, אין דער צייט וואָס איך מוז וואוינען ווי אַן איינזאַמע מויז אין אַ קעלער, אין אַ שמוציקער קיך מיט אַ ציגלנער פאָד־לאָגע. איינמאָל איז געגאַנגען אַ גרויסע פאַרטיע, גע־קלונגען מיט די קייטן, עס האָבן געשפאַנט די קאָ־טאָרזשניקעס; ביי די עקן זיינען געגאַנגען צוויי אַרעסטאַנטן געשמידט די הענט און פיס; איינער פון זיי, אַ גרויסער, אַ שוואַרצבערדיקער, מיט פער־דישע אויגן, מיט אַ טיפן רויטן שראַם אויפן שטערן, מיט אַ צעקאַליעטשעטן אויער, — איז געווען גרויזאַם. איך האָב אים באַקוקט, און נאָכגעפאָלגט נאָך אים, און

ער האָט פּלוצים פריילעך און הילכיק אַ געשריי געטאָן צו מיר:

—העי, דו, בחורל, קום און שפּאַציר־מיט מיט אונדז!

מיט אָט די ווערטער האָט ער ווי אָנגענומען מיך פאַר אַ האַנט. איך בין גלייך צוגעלאָפן צו אים, — און דער קאָנוואָיער האָט מיך אויסגעזידלט און אָפּ־געשטויסן. און ווען ער וואָלט מיך נישט אַוועקגע־טריבן, וואָלט איך, ווי אין שלאָף, נאָכגעגאַנגען נאָך אָט דעם גרויזאַמען מענטש, און וואָלט נאָכגעגאַנגען טאָקע דערפאַר, ווייל ער איז געווען אומגעוויינלעך, נישט ענלעך אויף די מענטשן, וואָס איך האָב גע־קענט; מעג עס זיין שרעקלעך און אין קייטן, אַבי אַוועק צו אַן אַנדער לעבן. איך האָב לאַנג געדענקט אָט דעם מאַן און זיין פריילעכע און גוטע שטימע.

זיין פיגור איז ביי מיר פאַרבונדן מיט אַן אַנדערן, אויך זייער אַ שטאַרקן איינדרוק: איך האָב באַקומען עפּעס אַ דיק בוך, וואָס דער אָנהייב איז געווען אויס־געריסן; איך האָב גענומען לייענען און גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, אויסער איינער אַ געשיכטע אויף אַ זייטל, אַ געשיכטע מיט אַ קעניג, וואָס האָט פאַרגעלייגט אַ פּשוטן שיסער זיינעם דעם טיטל: דוואָריאַנין", און אויף דעם האָט דער שיסער אָפּגעענטפערט דעם קע־ניג מיט אַ ליד:

„אָך, לאָז מיך לעבן און פאַרענדיקן מיין לעבן
ווי אַ פיינער דאָרף־מענטש,

מיין פּאָטער איז געווען אַ פּשוטער פּויער, —
אַ פּויער וועט אויך זיין מיין זון.

ס׳איז דאָך מער רום אין דעם, ווען אונדזער אַ
ברודער, אַ פּראָסטער מאַן

וועט זיך אַרויסווייזן וויכטיק אין זיינע מעשים,
איידער אַ מאַן מיט אַ טיטל.״

איך האָב איבערגעשריבן די שווערע פּערזן אין אַ העפט, אין לאַנגע יאָרן האָבן זיי געדינט פאַר מיר ווי אַ שטעקן פאַר אַ וואַנדערער, און קאָן זיין אויך פאַר באַשיצער, וואָס האָבן מיך געשטיצט פון קנאה און פון די נישטיקע פּירעכצן פון די קליינבירגער, — „די שיינע באַלעבאַטים״ פון יענער צייט. געוויס טרעפן זיך אינעם לעבן פון פיל יונגעלייט ווערטער, וואָס פּילן אָן די יונגע פאַנטאַזיע מיט אַ באַוועגנדיקן כוח, ווי דער ווינט וואָס בלאָזט אין דער געהעריקער ריכטונג טרייבט אַ זעגלשיף.

מיט אַ צען יאָר שפּעטער האָב איך זיך דער־וואוסט, אַז אָט די לידער זיינען פון דער „קאָמעדיע וועגן דעם פּריילעכן שיסער דזשאָרדזש גרין און וועגן ראָבין הוד״, די קאָמעדיע, וואָס איז אָנגעשריבן אין 16טן י״ה דורך אַ פאָרגייער פון שעקספּירן — ראָבערט גרין. איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט, ווען איך האָב זיך עס דערוואוסט, און איך האָב נאָך מער ליב באַקומען ליטעראַטור, וואָס איז אַלעמאָל אַן אמתער פריינט און אַן אַרויסהעלפער פון מענטשן אין זייער שווער לעבן.

יאָ, חברים, די שרעק פאַר דער נידערטרעכטי־קייט און אכזריות פונעם לעבן האָב איך גוט אַדורכ־געלעבט; איך בין דערגאַנגען ביז דעם, אַז איך האָב אויך פּרובירט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און דערנאָך, אין לויף פון פיל יאָרן, דערמאָנענדיק זיך אָן דער נאַרישקייט, האָב איך געפילט אַ שטאַרקע בושה און האַס צו זיך.

איך האָב זיך באַפרייט פון אָט דער שרעק נאָך דעם ווי איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די מענטשן זיינען נישט אַזוי בייז, ווי זיי זיינען פאַרגרעבט, און אַז נישט זיי און נישט דאָס לעבן שרעקט מיך, — נאָר דער־שראָקן בין איך פון מיין סאָציאַלן און אייגענעם אומ־וויסן, פון מיין אומבאַשיצלעכקייט, פון מיין אומבאַ־וואָפנקייט פאַרן לעבן. און אייגנטלעך טאַקע דער־פאַר. און מיר דוכט, אַז איר באַדאַרפט באַזונדערס זיך פאַרטראַכטן אויף דעם, ווייל די שרעק, די זיפצן און זאָרגן פון יעדן איינעם פון אייער סביבה זיינען אויך נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ רעזולטאַט פון דער אומבאַוואָפנטקייט פאַרן לעבן, וואָס עס פילן אין זיך די קלאָגלער און פון דעם אומצוטרוי צו זייער פעאיקייט צו קעמפן קעגן אַלץ, וואָס עס דריקט אַ מענטשן פון דער „אַלטער וועלט" סיי פון דרויסן, און אויך פון אינעווייניק.

איר דאַרפט וויסן, אַז מענטשן ווי איך זיינען געווען איינזאַם און זיינען געווען שטיפקינדער פון דער „גע־זעלשאַפט", און איר — זיינט דאָך הונדערטער, איר

זיינט אייגענע קינדער פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט דערפילט זיינע כוחות, פאַרמאָגט מאַכט און זיך שנעל אויסגעלערנט אָפּצושאַצן לויט דער ווערט די נוצלעכע אַרבעט פון די איינצלנע. איר האָט אין דער פּער־זאָן פון דער אַרבעטער־פּויערישער מאַכט — אַ מאַכט, וואָס מוז און קאָן העלפן אייך צו אַנטוויקלען אייערע פעאיקייטן ביז פולקומקייט, און זי, די מאַכט, טוט עס צוביסלעך. און זי וואָלט עס געטאָן פיל געשיקטער, ווען עס וואָלט איר נישט געשטערט צו לעבן און צו ארבעטן די בורזשואזיע, דער מאכטס און אייער בלוט־טיקער שונא.

איר דאַרפט זיך אָנלאָדן מיט גלויבן אין זיך, אין אייערע אייגענע כוחות, און אָט דער גלויבן קאָן דערגרייכט ווערן דורך באַזיגן די שטערונגען, דורך דער דערציאונג פונעם ווילן, דורך זיין „טרענירונג”. מען מוז זיך לערנען באַזיגן אין זיך און מחוץ פון זיך די נישטיקע ירושה פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל אויב נישט — ווי זשע וועט איר זיך „אָפּטרייסלען פון דער אַלטער וועלט?” אָט דאָס ליד דאַרף מען נישט זינגען, אויב ס'זיינען נישטאָ קיין כוחות, קיין ווילן צו טאָן דאָס וואָס דאָס ליד לערנט. אַ קליינער זיג איבער זיך מאַכט דעם מענטש פיל שטאַרקער. איר ווייסט, אַז טרענירנדיק דעם אייגענעם קערפּער, ווערט דער מענטש געזינטער, געשיקטער און ווידערשטאַנדס־פעאיקער, און אַזוי אויך קאָן מען טרענירן דעם אייגענעם פאַרשטאַנד, דעם אייגענעם ווילן.

אַט האָט איר איינע פון די וואונדערלעכסטע דער־גרייכונגען פון אַזאַ מין טרענירונג: דאָ נישט לאַנג האָט מען דעמאָנסטרירט אין בערלין אַ פרוי, וואָס האָט געהאַלטן אין יעדער האַנט צו צוויי בלייערס, און דעם פינפטן אין די ציין, און זי האָט גלייכצייטיק געשריבן פינף פאַרשיידענע ווערטער, אויף פינף פאַרשיידענע שפּראַכן. דאָס וואָלט געווען לחלוטין אומגלויבלעך און נישט דערפאַר, וואָס פיזיש איז עס שווער צו טאָן, נאָר דערפאַר, וואָס עס פאָדערט אַן אומנאַטירלעכע צעדרויבלונג פונעם געדאַנק, — אָבער דאָך איז עס אַ פאַקט. פון דער אַנדערער זייט, באַווייזט אַט דער פאַקט, ווי אין תוך פאַטערט דער מענטש אומפּראָדוקטיוו זיינע וואונדערלעכע פעאיקייטן אין דער כאַאָטישער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואו צוליב דעם מ׳זאָל ציען זיך אויף די אויפמערקזאַמקייט, מוז מען גיין איבער די גאַסן מיט די פיס אַרויף, און מאַכן רעקאָרדן פון שנעלער באַוועגונג, וואָס איז פּראַקטיש כלל נישט נוצלעך, שפּילן אין שאַך גלייכצייטיק מיט צוואַנציק קעגנער, דערגרייכן נישט־גע־דאַכטע „טריקס" אין אַקראָבאַטיק און אין גראַמענ־פלעכטעריי און בכלל הערלאַיש און קאָפּברעכעריש מאַכן פאָקוסן כדי צו פאַרוויילן לאַנגווייליקע מענטשן, וואָס זיינען איבערגעזעטיקט.

איר, יונגעלייט, דאַרפט וויסן, אַז אַלץ באמת קאָסטבאַרע, שטענדיק נוצלעכע און וואונדערלעכע, וואָס די מענטשהייט האָט דערגרייכט אויפן געביט פון

וויסנשאַפט, קונסט, טעכניק, — איז געשאַפן געוואָרן דורך יחידים, וואָס האָבן געאַרבעט אין זייער שווערע באַדינגונגען, ביי דער טיפער אומוויסנקייט פון דער „געזעלשאַפט”, ביי דער פיינטלעכער קעגנשטעלונג פון דער קירכע, אייגננוציקייט פון די קאַפּיטאַליסטן, ביי די קאַפּריזנע פאָדערונגען פון „מעצענאַטן” — די „שטיצער פון וויסנשאַפט און קונסט”. מען דאַרף אויך געדענקען, אַז צווישן די קולטור־שאַפער זיינען דאָ פיל פשוטע אַרבעטער, ווי דער באַרימטער פיזיקער פאַראַדעי, אָדער עדיסאָן; אַז דעם וועבשטול האָט דערפונדן דער פאַבריקמאַכער אַרקראַיט; איינער פון די בעסטע קינסטלער איז געווען א שמיד בערנאַר פּאַליס; דער גרעסטער וועלט־דראַמאַטורג שעקספיר—איז געווען אַ פּשוטער אַקטיאָר, אַזוי אויך דער גרויסער מאָליער, — אַזעלכע ביישפילן ווי מענטשן איבן זייערע פעאיקייטן קאָן מען אָנרעכענען אין די הונדערטער.

דאָס אַלץ איז געווען מעגלעך פאַר יחידים, וואָס האָבן געאַרבעט, נישט האָבנדיק יענעם גרויסן זאַפּאַס פון וויסנשאַפטלעכע קענטענישן, טעכנישע באַקוועמלעכקייטן, וואָס עס פאַרמאָגט אונדזער צייט. דערמאָנט זיך נאָר, אויף וויפיל עס זיינען פאַרגרינגערט די אויפגאַבן פון דער קולטור־אַרבעט ביי אונדז, אין פאַרבאַנד, וואו מ'האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל די פולע באַפרייאונג פון אומזיניקער מי, פון צינישער עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטס־קראַפט, — פון אַן עקספּלואַטאַציע, וואָס שאַפט שנעל־אויסשטאַרבנדיקע גבי־

רים און דראָט אויך דעם האָרעפּאַשנעם קלאַס אונטער־צוגיין.

פאַר אייך שטייט אַן אינגאַנצן קלאָרע און גרויסע אויפגאַבע, „אָפּצוזאָגן זיך פון דער אַלטער וועלט" און שאַפן אַ נייע. אָט די אַרבעט האָט זיך שוין אָנגע־הויבן. און, לויטןביישפּיל פון אונדזער אַרבעטער־קלאַס, וואַקסט אָט די אַרבעט אומעטום. און וואָס פאַר אַ שטערונגען די אַלטע וועלט זאָל נישט שטעלן אויפן וועג, — וועט די אַרבעט זיך ווייטער אַנטוויק־לען. צו דעם גרייט זיך פאַמעלעך דער אַרבעטער־קלאַס. עס שאַפט זיך אַן אַטמאָספער פון מיטפיל צו דער אַרבעט פון יחידים, וואָס זיינען איצט שוין נישט קיין שפּליטער פון אַ קאָלעקטיוו, נאָר זיינען די אמתע אויסדריקער פון זיין שעפערישן ווילן.

פאַר אַזאַ מין צוועק, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער ברייט, איז שוין נישטאָ מער קיין פראַגע „וואָס טוט מען?" „עס איז שווער צו לעבן!" איז עס טאַקע שווער? און איז עס דען נישט שווער דערפאַר, ווייל עס זיינען אויסגע־וואַקסן די באַדערפענישן, אַז עס ווילט זיך פיל, וועגן וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אפילו נישט גע־טראַכט, וואָס זיי האָבן אפילו נישט געזען אין טרוים? און פאַרלאַנגט איר אפשר נישט צופיל?

איך ווייס, פאַרשטייט זיך, אַז צווישן אייך זיי־נען שוין דאָ נישט ווייניק אַזעלכע, וואָס זיי איז באַ־קאַנט די פרייד און פּאָעזיע פון קאָלעקטיווער אַרבעט,

— די אַרבעט וואָס שטרעבט גיט צו דעם, כדי אָנצו־זאַמלען מיליאָנען קאַפּיקעס, נאָר צוליב דעם כדי מבטל צו מאַכן די פּאַסקודנע הערשאַפט פון דער קאַ־פּיקע אויפן מענטש, דעם סאַמע גרעסטן וועלט־וואונ־דער און שאַפער פון אַלע וואונדער אויף דער ערד.

און איצט וועל איך ענטפערן אויף דער פראַגע: ווי האָב איך זיך געלערנט שרייבן?

די איינדרוקן האָב איך באַקומען סיי דירעקט פונעם לעבן און סיי פון ביכער. דעם ערשטן מין איינדרוקן קאָן מען פאַרגלייכן מיט רויען שטאָף, און דעם צווייטן — מיט אַ האַלב־פאַבריקאַט אָדער, — אויב מיר וועלן רעדן פשוטער, ס׳זאָל זיין פאַרשטענד־לעכער, — אין דעם ערשטן פאַל איז פאַר מיר געווען אַ רויע פעל, און אין צווייטן — שוין אַ גוט־באַאַרבעט לעדער. איך בין זייער פיל דאַנקבאַר דער אויסלענ־דישער ליטעראַטור, באַזונדערס — דער פראַנצויזי־שער.

מיין זיידע איז געווען קאַרק און גיריק, אָבער איך האָב אים ניט געזען און נישט פאַרשטאַנען אַזוי גוט, ווי איך האָב דערזען און פאַרשטאַנען ווען איך האָב איבערגעלייענט באַלזאַקס ראָמאַן „יעווגעני גראַנ־דע״. דער פאָטער פון יעווגעני, דער אַלטער גראַנדע, איז אויך קאַרג, ברוטאַל און שטאַרק ענלעך אויף מיין זיידן, אָבער ער איז נאַרישער און נישט אַזוי אינטע־סאַנט ווי מיין זיידע. ביים פאַרגלייך מיטן פראַנצויז איז דער רוסישער אַלטער, — וואָס איך האָב אים נישט ליב געהאַט, שטאַרק אויסגעוואַקסן אין מיינע

אויגן. דאָס האָט נישט געבראַכט מיך, איך זאָל ענ־דערן מיין באַציאונג צום זיידן; דאָס אָבער איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע אַנטפּלעקונג — אַזאַ בוך פאַר־מאָגט אין זיך די פעאיקייט צו באַווייזן מיר אין אַ מענטשן דאָס, וואָס איך זע נישט און ווייס נישט וועגן אים.

דאָס לאַנגווייליקע בוך פון דזשאָרזש עליאָט „מידל מאַרטש״, די ביכער פון אויערבאַך, שפּילהאַגען האָבן מיר באַוויזן, אַז אין די ענגלישע און דייטשי־שע פּראָווינצן לעבן מענטשן נישט געענוי אַזוי ווי אין ניזשני־נאָווגאָראָד, אויף דער זוועזדינסקאַ גאַס, נאָר — אַביסעל בעסער. זיי רעדן אויך וועגן דעמ־זעלבן, זיי טראַכטן וועגן זייערע ענגלישע און דיי־טשישע קאָפּיקעס, וועגן דער נויטיקייט מורא צו האָבן פאַר גאָט און אים ליב צו האָבן, אָבער פּונקט ווי די מענטשן פון מיין גאַס, האָבן זיי נישט ליב איי־נער דעם אַנדערן, און באַזונדערס האָבן זיי נישט ליב קיין אייגנאַרטיקע מענטשן, וואָס זיינען אַזוי אָדער אַנדערש נישט ענלעך אויף די אַלע אַרומיקע. איך האָב נישט געזוכט קיין ענלעכקייט צווישן די אויס־לענדער און רוסן, ניין, איך האָב געזוכט אַנדערש־קייטן און געפונען צווישן זיי גאָר אַן ענלעכקייט.

די פריינט פון מיין זיידן, די רואינירטע סוחרים איוואַן שטשוראָוו, יאַקאָוו קאָטעלניקאָוו האָבן גע־דענקט ווי די מענטשן אין באַרימטן ראָמאַן פון טעקע־ריי „דער מאַרק פון לעבנס־טומל.״ איך האָב זיך געלערנט שרייבן ביים תהילים, איך האָב שטאַרק ליב

געהאַט אַט דאָס בוך, — עס רעדט מיט אַזאַ וואונדער־לעכער מוזיקאַלישער שפּראַך. ווען יאַקאָוו קאַטעלני־קאָוו, מיין זיידע, און בכלל די אַלטע לייט האָבן זיך געקלאָגט איינער פאַר אַנדערן אויף זייערע קינדער, האָב איך זיך דערמאָנט אָן די קלאָגענישן פון דעם קיניג דוד פאַר גאָט אויף זיין זון דעם בונטאר אבי־שלום, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז די זקנים רעדן נישט אמת, ווען זיי דערווייזן איינער דעם אַנדערן, אַז די מענטשן בכלל, און די יונגע בפרט, לעבן אַלץ־ער־גער, ווערן נאַרישער, פוילער, נישטיקער און גאָט־לאָזער. דאָס נעמלעכע האָבן געזאָגט די צבועקישע העלדן פון דעם ענגלישן שרייבער דיקענס . . .

קיין שום סיסטעם און פּלאַנמעסיקייט אין מיין לייענען איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען, אַלץ איז געגאַנגען צופעליק. דער ברודער פון מיין באַלעבאָס וויקטאָר סערגעיעוו האָט ליב געהאַט צו לייענען די פראַנצויזישע „בולוואַר“־ראָמאַנען פון קסאַוויע דע מאָנ־טעפּען, גאַבאָריאָ, זאַקאָננע, בואוויע, און אַדורכליי־ענענדיק אָט די מחברים, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף רוסישע ביכער, וואו עס זיינען פיינטלעך און שפּאָטיש געשילדערט געוואָרן די „ניהיליסטן־רעוואָ־ליציאָנערן“. איך האָב אויך אַדורכגעלייענט די ביכער פון ווס. קרעסטאָווסקי, סטעבניצקי־לעסקאָוו, קליוש־ניקאָוו, פּיסעמסקי. ס׳איז אינטערעסאַנט געווען צו לייענען וועגן מענטשן, לחלוטין נישט ענלעך אויף די מענטשן, וואָס צווישן זיי האָב איך געלעבט.

שלעכטע ביכער האָב איך אַדורכגעלייענט אָן אַ שיעור, אָבער אויך זיי זיינען געווען נוצלעך פאַר מיר.

דאָס שלעכטע אין לעבן דאַרף מען וויסן אַזוי גוט און געניי ווי דאָס גוטע. בכלל דאַרף מען וויסן וואָס־מער. וואָס פאַרשיידנאַרטיקער עס איז די דערפאַרונג, אַלץ־העכער הייבט עס אויף דעם מענטש, אַלץ־ברייטער ווערט זיין האָריזאָנט.

די אויסלענדישע ליטעראַטור, וואָס האָט מיר געגעבן אַ מאַסע מאַטעריאַל צום מאַכן פאַרגלייכן, האָט מיך אויך באַוואונדערט מיט איר פרעכטיקער מייסטערשאַפט. זי האָט געמאָלט די מענטשן אַזוי לעבעדיק, אַזוי פלאַסטיש, אַז איך האָב זיי ממש געפילט פיזיש, און דערצו האָב איך זיי געזען שטענדיק מער אַקטיוו ווי די רוסישע, זיי האָבן ווייניקער גערעדט און מער געטאָן.

אַן אמתן, טיפן דערציערישן איינפלוס האָט געהאַט אויף מיר, ווי אויף אַ שרייבער, די „גרויסע" פראַנצויזישע ליטעראַטור — סטענדאל, באַלזאַק, פלאָבער; איך ראָט די „אָנפאַנגער", זיי זאָלן לייענען אָט די מחברים. דאָס זיינען ווירקלעך געניאַלע קינסטלער, גרויסע וואָרט־מייסטער, אַזעלכע קינסטלער האָט נאָך נישט די רוסישע ליטעראַטור. איך האָב זיי געלייענט אין רוסישן, אָבער דאָס שטערט מיך נישט צו פילן די וואָרטמייסטערשאַפט פון די פראַנצויזן. נאָך פיל „בולוואַר"־ראָמאַנען, נאָך מאַין־ריד, קופער, גוסטאַוו עמאַר, פּאָנסאָן דיו טעררײַל, — האָבן די גרויסע קינסטלער אַרויסגערופן ביי מיר אַן איינדרוק ווי פון עפּעס אַ נס.

איך געדענק, — „דאָס פּראָסטע האַרץ" פון פלאָבערן האָב איך געלייענט אין אַ חגאַ־טאָג, ביינאַכט,

זיצנדיק אויפן דאַך פון אַן אַמבאַר, וואוהין איך בין אַרויפגעקראָכן, כדי צו באַהאַלטן זיך פון די יום־טוב־געשטימטע מענטשן. איך בין געווען שטאַרק אַנט־ציקט פון דער דערציילונג, איך בין געווען ווי פאַר־בלענדט און פאַרשטומט, — די פיגור פון דער סאַמע־געוויינלעכער פרוי דער קעכין, וואָס האָט קיין וויכ־טיקע זאַך נישט אויפגעטאָן און אויך קיין שום פאַר־ברעכן נישט באַגאַנגען האָט פאַרשטעלט פאַר מיר דעם טומלדיקן פריילינגס־יום־טוב. ס'איז געווען שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די פשוטע, באַקאַנטע פאַר מיר ווערטער, וואָס זיינען אויסגעלעגט געוואָרן דורך אַ מענטשן אין אַ דערציילונג וועגן אַן „אומאינטע־רעסאַנטן" לעבן פון אַ קעכין, — האָבן מיך אַזוי אויפ־געררודערט? אין דעם איז געווען באַהאַלטן עפּעס אַן אומדערגרייכלעכער קונץ, און — איך טראַכט נישט אויס, — עטלעכע מאָל, האָב איך ווי אַ ווילדער מענטש געקוקט אויף די זייטלעך דורך דער ליכט, ווי איך וואָלט וועלן אויסגעפינען דעם קונץ צווישן די שורות.

עס זיינען מיר באַקענט געווען עטלעכע צענדליק ביכער, — וואו ס'זיינען באַשריבן געהיימניספולע און בלוטיקע פאַסירונגען. אָבער אַט לייען איך די „אי־טאַליענישע כראָניקעס" פון סטענדאַל און איך האָב ווידער נישט געקענט פאַרשטיין — ווי איז עס גע־מאַכט געוואָרן? אַ מענטש באַשרייבט ברוטאַלע מענטשן, נקמה־נעמענדיקע מערדער, און איך לייען זיינע דערציילונגען גלייך ווי עס וואָלט זיך דער־ציילט וועגן דעם לעבן פון הייליקע.

און אינגאַנצן בין איך געווען איבערראַשט, ווען איך האָב אין באַלזאַקס אַ ראָמאַן אַדורכגעלייענט זייט־לעך, וואו ס'ווערט געמאָלט אַ הוליאַנקע ביי אַ באַנ־קיר. איינצייטיק רעדן אַ צוויי צענדליק מענטשן, זיי שאַפן אַ כאַאָטישן טומל, און עס איז ווי זייערע אַלע רייד וואָלט איך אויפגעמען. און דאָס סאַמע וויכטיק־סטע: נישט נאָר איך הער, נאָר איך זע אויך ווער ווי עס רעדט, איך זע די אויגן, דעם שמייכל, די באַ־וועגונגען פון די מענטשן, הגם באַלזאַק האָט נישט גע־שילדערט נישט קיין פּנימער, נישט קיין פיגורן פון דעם באַנקירס געסט.

בכלל האָט מיך שטענדיק איבערראַשט ביי באַל־זאַקן און ביי די פראַנצויזן די קונסט פון מאָלן מענטשן דורך ווערטער, די קונסט פון מאַכן זייער רעדן לע־בעדיק און בולט, די פולקאָמסטע מייסטערשאַפט פון דעם דיאַלאָג. די ווערק פון באַלזאַקן זיינען געשריבן ווי מיט אויל־פאַרבן, און ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען די בילדער פון רובענס, האָב איך זיך דערמאָנט אָן באַלזאַקן. לייענענדיק די ווילדע ווערק פון דאָסטאָיעווסקי, קאָן איך נישט ניט טראַכטן, אַז ער האָט פיל וואָס צו פאַרדאַנקען אָט דעם גרויסן ראָמאַנען־מייסטער. ס'זיינען מיר אויך געפעלן די טרוקענע. קלאָרע ווי פען־צייכענונגען, ווערק פון די ברידער גאָנקור און די מרה־שחורהדיקע, ווי מיט טונקעלע פאַרבן, שילדערונג פון זאָלא. די ראָמאַנען פון הוגאָ האָבן מיך נישט פאַרכאַפּט, אפילו זיין „93־טע יאָר" האָב איך גלייכגילטיק אַדורכגעלייענט; די

סיבה פון אַט דעם גלייכגילט איז מיר קלאָר געוואָרן נאָך דעם, ווי איך האָב זיך באַקענט מיטן ראָמאַן פון אנאטאָל פראַנס „די געטער זיינען דורשטיק". די ווערק פון סטענדאל האָב איך געלייענט שוין נאָך דעם ווי איך האָב זיך אויסגעלערנט פיל צו האַסן, און זיין רוהיק רעדן, זיין סקעפּטישער שמייכל האָט שטאַרק באַרעכטיקט מיין האַס.

פון דעם אַלעמען, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן ביכער, איז צו זען, אַז איך האָב זיך געלערנט שרייבן ביי די פראַנצויזן. ס'איז אַרויסגעקומען צופעליק, אָבער איך טראַכט, אַז עס איז אַרויסגעקומען נישט שלעכט, און דעריבער ראָט איך שטאַרק די יונגע שרייבער צו שטודירן די פראַנצויזישע שפּראַך, כדי צו קאָנען לייענען די גרויסע מייסטער אין אָריגינאַל, און ביי זיי לערנען די קונסט פון וואָרט.

די „גרויסע" רוסישע ליטעראַטור — גאגאלן, טאָלסטאָיען, טורגענעוון, גאנטשאראוון, דאסטאָיעווסקין, לעסקאָוון האָב איך געלייענט פיל שפּעטער. לעסקאָוו האָט אָן ספק געווירקט אויף מיר מיט זיין וואונדערלעכער קענטשאַפט און רייכקייט פון דער שפּראַך. ער איז בכלל געווען אַ פּרעכטיקער שרייבער און אַן אויסגעצייכנטער קענער פונעם רוסישן לעבנסשטייגער, אַ שרייבער, וואָס איז נאָך אַלץ נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן לויט זיינע פאַרדינסטן פאַר אונזער ליטעראַטור. א. פּ. טשעכאָוו פלעגט זאָגן, אַז ער האָט פיל צו פאַרדאַנקען לעסקאָוון. דאָס זעלבע ,רעכן איך, וואָלט געקאָנט זאָגן אויך רעמיזאָוו.

איך ווייז אָן אויף די אַלע קעגנזייטיקע פֿאַרבינ־
דונגען און איינפֿלוסן, כדי איבערצוחזרן: ס׳איז זייער
וויכטיק פֿאַר אַ שרייבער צו קענען די אַנטוויקלונגס־
געשיכטע פֿון דער אויסלענדישער און רוסישער ליטע־
ראַטורן.

צו צוואַנציק יאָר האָב איך אָנגעהויבן צו פֿאַר־
שטיין וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט, איך האָב
געהערט פֿיל אַזעלכעס וואָס מ׳דאַרף און וואָס ס׳איז
אפֿילו נייטיק צו דערציילן פֿאַר די מענטשן. מיר האָט
זיך געדאַכט, אַז איך ווייס און פֿיל עפּעס נישט אַזוי
ווי אַנדערע; אָט דאָס האָט מיך צערודערט, געמאַכט
מיך אומרוהיק און באַרעדעוודיק. אפֿילו ביים ליי־
ענען ביכער פֿון אַזעלכע מייסטער, ווי טורגעניעוו, האָב
איך אָפֿט געטראַכט, אַז איך וואָלט געקאָנט דערציילן,
למשל, וועגן די העלדן פֿון די „נאָטיצן פֿון אַ יעגער"
אַנדערש, נישט אַזוי ווי עס האָט דאָס געטאָן טור־
געניעוו. אין אָט די יאָרן בין איך שוין געווען פֿאַר־
רעכנט פֿאַר אַ אינטערעסאַנטן דערציילער, עס האָבן
מיך אויפֿמערקזאַם געהערט די משא־טרעגער, די בע־
קער, די „באָסיאַקעס", די טשעסלער, די אייזנבאַן־אַר־
בעטער, די „וואַנדערער איבער הייליקע ערטער" און
בכלל מענטשן, וואָס איך האָב צווישן זיי געלעבט.
דערציילנדיק וועגן איבערגעלייענטע ביכער, האָב איך
אַלץ־אָפֿטער זיך געכאַפּט, אַז איך דערצייל נישט ריכ־
טיק, אַז איך פֿאַרדריי דאָס איבערגעלייענטע, אַז איך
גיב צו צו דעם עפּעס פֿון זיך, פֿון אייגענער דער־
פֿאַרונג. דאָס איז געקומען פֿון דעם, וואָס די פֿאַקטן

פונעם לעבן און פון דער ליטעראַטור האָבן זיך צו־
נויפגעגאָסן ביי מיר אין איין גאַנצס. דאָס בוך —
איז אַזאַ מין לעבנס־דערשיינונג ווי דער מענטש, דאָס
בוך — איז אויך אַ פאַקט אַ לעבעדיקער, אַ רעדעוור־
דיקער, און עס איז פיל ווייניקער „זאַך" ווי פאַרשיי־
דענע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען און ווערן געשאַפן
דורכן מענטשן.

ס׳האָבן מיך געהערט אינטעליגענטן און געראָטן:
— שרייבט! פּרוּוּט שרייבן.

אָפטמאָל האָב איך זיך געפילט גלייך ווי איך
וואָלט געווען שיכור און איבערגעלעבט אַטאַקעס פון
פיל־באַרעדעוודיקייט, פון אַ ווערטער־שגעון, פון אַ
ווילן אַרויסצורעדן אַלץ, וואָס ס׳האָט מיך געפּרעסט
און געפּרייט. איך האָב געוואָלט אויסדערציילן כדי
„אויסצולאָדן" זיך. געווען מאָמענטן פון פּיינלעכן
אָנשטרענג, ווען פּונקט ווי אין אַ היסטעריקע האָט
זיך מיר געשטעלט עפּעס אין האַלדז און עס האָט
זיך מיר געוואָלט שרייען, אַז דער גלעזער אַנאַטאָלי —
מיין פריינט, אַ טאַלאַנטפולער יונג — וועט אומקו־
מען, אויב מ׳וועט אים נישט העלפן; אַז די פּראָסטי־
טוטקע טערעזא — איז אַ פיינער מענטש, און ס׳איז
נישט רעכטפאַרטיק, וואָס זי איז אַ פּראָסטיטוטקע און
די סטודענטן, וואָס נוצן זי אויס, זעען נישט, פּונקט
ווי זיי זעען נישט, אַז די „מאַטיצע", די אָרעמע
זקנטע, — איז קלוגער ווי די יונגע, אָנגעלייענטע
אקושערין יאַקאָוולעווא.

אין געהיים אפילו פון מיין נאָענטן פריינט, דעם
סטודענט גורי פּלעטנעוו, האָב איך געשריבן לידער

וועגן טערעזאַן, אַנאַטאָלי, אויך געשריבן וועגן דעם, אַז פרילינג צעגייט דער שניי נישט צוליב דעם ער זאָל ווי ברודיק וואַסער אַריינפליסן פון גאַס אין קע־לער, וואו ס׳אַרבעטן די בעקער, און אַז די וואלגע איז אַ שיינער טייך, אַז דער בייגל־בעקער קוזין איז אַ יודאַ פאַררעטער, און אַז דאָס לעבן — איז אַן אמתע חזיריי און נודנעריי, וואָס הרגעט אַוועק דעם נפש.

לידער האָב איך געשריבן לייכט, אָבער דער־זען אַז זיי טויגן אויף כפרות, האָב איך אָנגעהויבן האָסן זיך פאַר מיין נישט־קענען און פאַר מיין טאַלענ־לאָזיקייט. איך האָב געלייענט פּושקינען, לערמאָנ־טאָן, נעקראַסאָוון, די איבערזעצונגען פון בעראַנזשע, און איך האָב געזען, אַז איך בין אויף קיינעם פון אָט די דיכטער מיט גאָרנישט ניט ענלעך. שרייבן פּראָזע — האָב איך ביי זיך נישט באַשלאָסן, ס׳איז מיר אָנ־געקומען שווערער ווי לידער, עס האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדער שאַרף אויג, אַ ספּעציעלע פעהיקייט צו באַמערקן זאַכן און אויפכאַפּן דאָס וואָס אַנדערע זעען נישט און אַן אויסערגעוויינלעכע פעסטע און שטאַרקע קענטעניש אויסצולייגן ווערטער. איך האָב אָנגע־הויבן מאַכן פּרואוון צו שרייבן פּראָזע, איך האָב אויסגעקליבן דעם סטיל פון „ריטמישער" פּראָזע, איך האָב געמיינט, אַז די איינפאַכע פּראָזע איז נישט פאַר מיינע כוחות. מיינע פּרואוון צו שרייבן פּראָסט האָבן געבראַכט טרויעריקע און לעכערלעכע רעזולטאַטן. מיט אַזאַ מין ריטמישער פּראָזע האָב איך אָנגעשריבן אַ גרויסע „פּאָעמע" „דאָס ליד פונעם אַלטן דעמב". ווי.

ג. קאָראָלענקא האָט מיט אַ צענדליק ווערטער צע־
שטערט ביזן גרונט אָטדי הילצערנע זאַך, אין וועלכע
איך האָב, דוכט זיך, אויסגעדריקט מיינע באַטראַכטונ־
גען אין שייכות מיטן אַרטיקל „דער לעבנס־געווירבל",
וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אויב איך האָב קיין
טעות נישט, אין דעם וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל „זנאַ־
ניע" (וויסן), — דער אַרטיקל האָט באַהאַנדלט די
טעאָריע פון עוואָלוציע. פון אָט דער פּאָעמע איז
פאַרבליבן ביי מיר אין זכרון בלויז איין פראַזע: „איך
בין אין דער וועלט געקומען, כדי נישט איינצושטי־
מען", — און, דוכט זיך: איך האָב ווירקלעך נישט
איינגעשטימט מיט דער עוואָלוציע־טעאָריע.

אָבער קאָראָלענקאָ האָט מיך נישט אויסגעהיילט
פון דער תאווה צו „ריטמישער" פּראָזע און אין אַ
פינף יאָר אַרום, לויבנדיק מיך פאַר מיין דערציילונג
„דער זיידע אַרכיפּ", האָט ער געזאָגט, אַז אומזיסט
האָב איך פאַרבעסערט די דערציילונג „מיט עפּעס וואָס
איז ענלעך אויף לידער". איך האָב אים נישט גע־
גלויבט, אָבער אין דעם היים, אַדורכקוקנדיק די דער־
ציילונג, האָב איך זיך ביטער איבערצייגט, אַז אַ גאַנ־
צע זייט, — די שילדערונג פון דעם גאָסרעגן אין
סטעפּ, — איז אָנגעשריבן דורך מיר אייגנטלעך אין
אין אַ פאַרשאָלטענער „ריטמישער" פּראָזע. אַ לאַנגע
צייט האָט זי מיך אומבאַמערקטערהייט נאָכגעפאָלגט, און
וואו מ'דאַרף נישט האָט זי זיך דורכגעריסן אין די
דערציילונגען. איך האָב אָנגעהויבן מיינע דערציילונגען
מיט שטאַרק־קלינגענדיקע פראַזן. בכלל האָב איך זיך
באַמיט צו שרייבן „שיין".

„אַ שכורער, אָנשפּאַרנדיק זיך צום לאַמטערן, האָט געקוקט שמייכלענדיק אויף זיין אייגענעם שאָטן, און דער שאָטן האָט געציטערט״, — און די נאַכט — לויט מיינע רייד — איז געווען אַ שטילע, אַ לבנהדיקע, אין אַזעלכע נעכט האָט מען די לאַמטערנס נישט אָנ־געצונדן, און דער שאָטן האָט נישט געקאָנט ציטערן, אויב ס׳איז נישט געווען קיין ווינט, און דאָס ליכט האָט געברענט רוהיק. אַזעלכע „לאַפּסוסן״ און „פעלערן״ האָבן זיך באַגעגנט כמעט אין יעדער דערציילונג מיי־נער, און איך האָב ביטער זיך געזידלט דערפאַר.

„דער ים האָט געשמייכלט״, — האָב איך גע־שריבן און אַ לאַנגע צייט האָב איך געגלויבט, אַז ס׳איז גוט אַזוי. אין גייעג נאָך „שיינקייט״ האָב איך כסדר געזינדיקט קעגן דער פּינקטלעכקייט פון די שילדערונגען, נישט ריכטיק אָװעקגעשטעלט זאַכן, און פאַלש באַלויכטן מענטשן.

„דער אויוון שטייט ביי אייך נישט גוט״, — האָט מיר באַמערקט ל. נ. טאָלסטאָי, רעדנדיק וועגן דער דערציילונג „זעקס און צוואַנציק און איינע״. ס׳האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז דער פייער פון דעם בייגל־אויוון האָט נישט געקאָנט באַלויכטן די אַרבעטער אַזוי ווי ס׳איז געווען באַשריבן ביי מיר.

א. פּ. טשעכאָוו האָט מיר געזאָגט וועגן דער פרוי מעדינסקאַ אין „פּאַמאַ גאָרדעיעוו״ :

„זי האָט, ברודערל, דריי אויערן, איין אויער איז ביי איר אויפן קין, קוקט!״ און דאָס איז געווען ריכ־טיק. אַזוי שלעכט האָב איך אָוועקגעזעצט די פרוי צו דער ליכט.

אַזעלכע, אין פלוג קליינע פעלערן האָבן אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל זיי צעשטערן די וואָרהאַפטיקייט פון קונסט. בכלל איז זייער שווער צו געפינען פינקטלעכע ווערטער און אַריינשטעלן זיי אַזוי, אַז מיט ווייניק ווערטער זאָל פיל געזאָגט ווערן, „אַז די ווערטער זאָל זיין ענג, און די געדאַנקען — גראַם", אַז די ווערטער זאָלן געבן אַ לעבעדיק בילד, זיי זאָלן אין קורצן באַצייכענען די עיקר־שטריכן פון אַ געשטאַלט, זיי זאָלן גלייך באַפּעסטיקן אין געדעכעניש פונעם לייענער די באַוועגונג, דעם גאַנג און טאָן פונעם רעדן ביי דער געשילדערטער פּערזאָן. איין זאַך איז — „באַשיינען" און באַצירן דורך ווערטער מענטשן און זאַכן, און אַן אַנדער זאַך איז צו שילדערן זיי אַזוי „פּלאַסטיש", לעבעדיק, אַז דאָס געשילדערטע ווילט זיך אָנרירן און אָנטאַפּן מיט דער האַנט, ווי ס'ווילט זיך אָפּט אָנ־טאַפּן די העלדן פון טאָלסטאָיס „קריג און פרידן".

מיר האָט זיך געוואָלט אָנשרייבן אין עטלעכע ווערטער אַן אויסערלעך בילד פון אַ קרייז־שטאָט אין צענטראַל־רוסלאַנד. איך בין מסתמא געזעסן אַ דריי שעה, איידער מיר האָט זיך איינגעגעבן צוצוקלייבן און אויסשטעלן די ווערטער אין אַזאַ מין אָרדענונג: „דער כוואַליענדיקער טאָל איז אינגאַנצן געווען אויס־געבייטשטש מיט גרויסע וועגן, און די ראַשיקע שטאָט אָקוראָוו אינמיטן איז געווען ווי אַ פיין שפּילצייגל אויף אַ ברייטער צעקנייטשער דלאָניע" (פון מ. גאָר־קיס ווערק „די שטאָט אָקוראָוו", 1909־1910).

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך האָב אָנגע־שריבן גוט, אָבער ווען די דערציילונג איז געווען אָפּ־

געדרוקט, האָב איך דערזען, אַז איך האָב געמאַכט עפּעס וואָס ס'איז ענלעך אויף אַן אויסגעמאָלט לע־קעכל אָדער אויף אַ שיין קעסטעלע פון צוקערלעך.

בכלל — מוז מען באַנוצן ווערטער מיט דער סאַמע שטרענגער פּינקטלעכקייט...

מיינע דורפּאַלן האָבן מיר אַלעמאָל געבראַכט אויפן געדאַנק די וויטיקדיקע ווערטער פונעם דיכ־טער:

ניטאָ אויף דער וועלט קיין שווערערליידן
ווי די ליידן פון וואָרט"*.

נאָר וועגן דעם זאָגט פיל בעסער ווי איך א. ג. גאָרנפעלד אין בוך „ליידן פון וואָרט" (דערשינען אין 1927).

אָט דאָס גוט ביכל רעקאָמענדיר איך זייער שטאַרק דער אויפמערקזאַמקייט פון די „יונגע פּען־קאָלעגן".

„קאַלט און נישטיק איז אונזער אָרעמע שפּראַך", — האָט געזאָגט, דוכט זיך, נאַדסאָן, און זעלטן־ווער פון די דיכטער האָט זיך נישט געקלאָגט אויף דער „אָרעמקייט" פון דער שפּראַך.

איך רעכן, אַז דאָס זיינען קלאָגענישן נישט אויף דער „אָרעמקייט" פון דער רוסישער שפּראַך, נאָר ער קלאָגט זיך בכלל אויף דער אָרעמקייט פון דער מענטשלעכער שפּראַך. דאָס קומט פון דעם, וואָס עס זיינען דאָ געפילן און געדאַנקען, וואָס איז שווער אויפ־

---

* פון ס. יא. נאַדסאָנס אַ ליד. — רעד.

כאַפּן און אויסדריקן דורך ווערטער. און גראָד וועגן דעם רעדט פּרעכטיק דאָס ביכל פון גארנפעלדן.

אָבער, אויסער דעם „וואָרט וואָס איז שווער אויפ־צוכאַפּן", איז די רוסישע שפּראַך אומאויסשעפּלעך רייך און זי ווערט אַלץ מער באַרייכערט מיט אַן איבער־ראַשנדיקער שנעלקייט. כדי זיך איבערצוצייגן ווי עס וואַקסט אָן אויפהער די רוסישע שפּראַך, איז גענוג צו פאַרגלייכן די צאָל ווערטער — דעם לעקסיקאָן — פון גאגאל און טשעכאָוו, טורגענעוו און, למשל, בונין, דאסטאָיעווסקי און, לאָמיר זאָגן, לעאָניד לעאָנאָוו. דער לעצטער האָט דערקלערט, אַז ער קומט פון דאס־טאָיעווסקין. ער וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז אין אייניקע פאַלן — איך וויל אָנווייזן אויף זיין באַציאונג צום פאַרשטאַנד — איז ער אָפּהענגיק אויך פון לעוו טאָל־סטאָי. אָבערביידע אָט די צוזאַמענהאנגען זיינען אַזעלכע, וואָס באַווייזן בלויז אויף דער באַדייטנדיקער גרויס פון דעם יונגן שרייבער און זיי פאַרהוילן נישט זיין אייגנאַרטיקייט. אין זיין ראָמאַן „דער גנב" האָט ער גאַנץ קלאָר באַוויזן, אַז זיין שפּראַך־רייכקייט איז וואונדערלעך; ער האָט שוין געגעבן אַ ריי אייגענע זייער טרעפלעכע ווערטער, שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז דער געבוי פון זיין ווערק באַוואונדערט אונז מיט דער שווערער און קאָמפּליצירטער קאָנסטרוקציע. מיר דוכט, אַז לעאָניד לעאָנאָוו איז אַ מענטש פון עפּעס „אַן אייגן ליד", זייער אַן אָריגינעלס, און אַז ער האָט ערשט אָנגעהויבן צו זינגען עס, און עס קאָן אים אין דעם נישט שטערן נישט דאסטאָיעווסקי און נישט עמעץ אַן אַנדערער.

ס׳איז דאָ דאָס אָרט צו באַטאָנען, אַז די שפּראַך ווערט געשאַפן דורכן פאָלק. די פאַנאַנדערטיילונג פון דער שפּראַך אויף אַ ליטעראַרישער און פאָלקישער, מיינט בלויז דאָס, אַז מיר האָבן, אַזוי צו זאָגן, אַ „רויע" שפּראַך און אַ באַאַרבעטע דורך מייסטערס. דער ערשטער, וואָס האָט עס פּרעכטיק פאַרשטאַנען, איז געווען פּושקין, ער האָט דער ערשטער אויך באַ־וויזן, ווי מ׳דאַרף זיך באַנוצן מיט דעם פאָלקישן רייד־מאַטעריאַל און ווי מ׳דאַרף עס באַאַרבעטן.

דער קינסטלער — איז דאָס פילבאַרע וועזן פון זיין לאַנד, פון זיין קלאַס, ער איז דער אויער, אויג און האַרץ; ער איז די שטימע פון זייער תקופה. ער דאַרף ויסן וואָס־מער, און וואָס־בעסער ער וועט קענען זיין פאַרגאַנגנהייט, אַלץ־מער פאַרשטענדלעכער וועט זיין פאַר אים די איצטיקע צייט, אַלץ־שטאַרקער און טי־פער וועט ער פילן די אוניווערסאַלע רעוואָלוציאָנע־רישקייט פון דער צייט און דעם פאַרנעם פון אירע אויפגאַבן. מע מוז אומבאַדינגט קענען די געשיכטע פונעם פאָלק און ס׳איז אויך זייער נייטיק צו קענען דעם פאָלקס סאָציאַל־פּאָליטישן אָרט־דענקען. די גע־לערנטע, — די קולטור־היסטאָריקער און עטנאָגראַפן, — דערווייזן, אַז דאָס אָרט־דענקען פון אַ פאָלק דריקט זיך אויס אין מעשהלעך, לעגענדעס, גלייכווערטלעך און אַפאָריזמען. און טאַקע די גלייכווערטלעך און אַפאָריזמען פון פאָלק דריקן אויס דעם אָרט דענקען פון דער פאָלקס־מאַסע אין ספּעציעלער באַלערנדיקער גאַנצקייט, און דעריבער איז פאַר שרייבער אַנפאַנגער

זייער נוצלעך זיך צו באַקענען מיט דעם־אָ מאַטע־ריאַל, נישט בלויז דערפֿאַר, וואָס עס לערנט פּרעכטיק די עקאָנאָמיע פֿונעם וואָרט, דעם צמצום פֿון ריידן און שילדערן, נאָר אויך צוליב אַט וואָס: די ווייט־גרעסטע צאָל באַפֿעלקערונג פֿונעם ראַנטפּאַרבאַנד איז דאָס פּויערטום, דאָס איז דער ליים, פֿון וועלכן די געשיכטע האָט אויסגעקנאָטן די אַרבעטער, קליינבירגער, סוחרים, גלחים, באַאַמטע, אַדעליקע, וויסנשאַפֿטלער און קינסט־לער...

בכלל פֿאָרמירן די גלייכווערטלעך און אַפֿאָריזמען און געשטאַלטיקן אויס אויף אַ גלענצנדיקן אופֿן די סאָציאַל־היסטאָרישע לעבנס־דערפֿאַרונג פֿונעם אַר־בעטס־פֿאָלק, און אַ שרייבער מוז דעריבער אומבאַ־דינגט זיך באַקענען מיטן מאַטעריאַל, וואָס וועט אים אויסלערנען פֿעסט איינצוקוועטשן ווערטער ווי פֿינגער אין אַ פֿויסט, און פֿאַנאַנדערוויקלען ווערטער, וואָס זיינען איינגעקוועטשט דורך אַנדערע, פֿאַנאַנדערוויקלען אַזוי, זיי זאָלן אַרויסאַנטפּלעקן דאָס באַהאַלטענע אין זיי, דאָס טויטע, וואָס איז פֿיינטלעך די אויפֿגאַבן פֿון דער עפּאָכע.

איך האָב פֿיל געלערנט פֿון די אַפֿאָריזמען, — ריכטיקער געזאָגט: פֿון דעם אופֿן צו טראַכטן מיט אַפֿאָריזמען.

איך האָב זיך געלערנט דענקען און שרייבן פֿון לעבעדיקע געדאַנקען און רייד. די אַלע באַטראַכטונ־גען פֿון וועכטער, אַדוואָקאַטן, פֿון די „געוועזענע" און פֿון אַלע אַנדערע מענטשן האָב איך אויך געפֿונען אין

ביכער, אַנגעקלײדט אין אַנדערע װערטער, אַזױ אַרום האָבן די פֿאַקטן פֿון לעבן און פֿון דער ליטעראַטור קעגנזײטיק דערגאַנצט אײנע די אַנדערע.

איך האַלט זיך נישט פֿאַר אַ מײַסטער, װאָס זאָל פֿעאיק זײַן צו שאַפֿן כאַראַקטערן און טיפּן, װאָס זאָלן קינסטלעריש זײַן גלײַכװערטיק צו די טיפּן און כאַ־ראַקטערן פֿון אָבלאָמאָװ, רודין, ריאַזאַנאָװ א. א. װ. אָבער דאָך כּדי אָנצושרײַבן „פֿאָמאַ גאָרדעיעװ״, האָב איך באַדאַרפֿט זען נישט אײן צענדליק פֿון סוחרישע זין, װאָס זײַנען אומצופֿרידן מיטן לעבן און מיט דער אַרבעט פֿון זײערע טאַטעס; זײ האָבן אומבאַװאוסט־זיניק געפֿילט, אַז אין אָט־דעם אײנטאָניקן „נודנעם, אָרעמען לעבן״ איז קײן שום זין נישטאָ. פֿון אָט די, װי פֿאָמאַ, װאָס זײַנען פֿאַראורטײלט געװען אויף אַ נודנעם לעבן און געטראָפֿן פֿון אָט דער נודנעקײט, זײַנען פֿון אײן זײַט אַרויסגעקומען שכּורים, הפֿקר־יונ־גען, כוליגאַנעס, און פֿון דער אַנדער זײַט — זײַנען אַרויסגעפֿלויגן פֿון זײ די „װײַסע קראָען״ װי סאַװואַ מאָ־ראָזאָװ, װי דער פּערמער שיף־אײגנטימער נ. ע. מעש־קאָװ, װאָס פֿלעגט שטיצן מיט געלט די ס. ר.־פּאַרטײ, דער קאַלוגער פֿאַבריקאַנט גאָנטשאַראָװ, דער מאָסקװער נ. שמידט און פֿיל אַנדערע.

די יוגנט פֿרעגט מיך: פֿאַרװאָס האָב איך גע־שריבן װעגן „באָסיאַקעס״?

װײַל לעבנדיק אין דער סבֿיבֿה פֿונעם קלײנביר־גערטום, זעענדיק פֿאַר זיך מענטשן, װאָס זײערע אײנ־ציקע באַשטרעבונג איז געװען אויף אַן אפּעריסטישן

אופן אויסזויגן דאָס בלוט פון אַ מענטשן, פאַרוואַנ־
דלען עס אין אַ קאָפּיקע, און פון די קאָפּיקעס צונויפ־
לייגן רובלען, האָב איך, ווי מיין 19יאָריקער קאָ־
רעספּאָנדענט, „מיט מיין גאַנצן וועזן" גענומען האַסן
אָט דאָס קליינלעכע, נישטיקע לעבן פון די דורכשניט־
מענטשן, וואָס זיינען אַזוי ענלעך איינער אויפן אַנ־
דערן, ווי די שאַמפּאָוועו קופּערנע פּיטאַקעס פון דעם
זעלבן אַרויסלאַז.

די „באָסיאַקעס" זיינען פאַר מיר געווען „אויס־
טערלישע מענטשן". זייער אויסטערלישקייט איז באַ־
שטאַנען אין דעם, וואָס זיי זיינען געווען „דעקלאַסיר־
טע" מענטשן, אַרויסגעריסן פון זייער קלאַס, אַרויס־
געשטויסן פון אים, און אַנגעוואוירן די סאַמע כאַ־
ראַקטעריסטישע שטריכן פון קלאַסן־פיזיאָנאָמיע.

עס זיינען צווישן די „באָסיאַקעס" געווען מאָדנע
מענטשן, פיל זאַכן ביי זיי האָב איך נישט פאַרשטאַנען,
אָבער מיך האָט אונטערגעקויפט אין זיי דאָס, וואָס
זיי האָבן זיך נישט געקלאָגט אויפן לעבן, און וועגן
דעם געמיטלעכן לעבן פון די „קליינבירגער" האָבן
זיי גערעדט מיט שפּאָט, מיט איראָניע. זיי זיינען
נישט געווען געטריבן פון אַ געפיל פון באַהאַלטענער
קנאה און נישט ווייל „דאָס אויג זעט, און דער צאָן
קאָן נישט דערלאַנגען", נאָר גאָר פון שטאָלץ, פונעם
באַוואוסטזיין, אַז זיי לעבן אמת שלעכט, און דאָך
בעסער פון די וואָס לעבן „גוט".

מיין ליידנשאַפט צו די „באָסיאַקעס" דערקלערט
זיך מיטן ווילן צו שילדערן „אויסערגעוויינלעכע",

און נישט קיין מענטשן פון אַן אַרעמאַנסקן, קליינביר־גערלעכן טיפּ. דאָ האָט, פאַרשטייט זיך, זיך אַרויסבאַוויזן דער איינפלוס פון דער אויסלענדישער ליטעראַטור און פריער פון אַלץ — פון דער פראַנצויזישער, וואָס איז מער פאַרביק און בונטער ווי די רוסישע. נאָר דער עיקר האָט דאָ געווירקט דער ווילן צו באַפאַרבן, צו באַשיינען מיט „אויסטראַכטעניש" דאָס „שווערע אַרעמע לעבן", — וואָס וועגן דעם רעדט דאָס 15־יאָריק מיידל, וואָס איך האָב זי שוין פריער דערמאָנט.

אָט דער ווילן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, מיינט „ראָמאַנטיזם". אייניקע קריטיקער האָבן געפינען אין מיין ראָמאַנטיזם אַן אָפּשפּיגלונג פון פילאָסאָפישן אי־דעאַליזם. איך האַלט, אַז דאָס איז נישט־ריכטיק.

דער פילאָסאָפישער אידעאַליזם לערנט אונז, אַז איבער דעם מענטש, חיות און איבער אַלע זאַכן, וואָס דער מענטש שאַפט, עקזיסטירן און רעגירן „אידייען"; זיי זיינען די פולקומענסטע מוסטערן פון אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן דורך מענטשן, און דער מענטש, אין זיין טעטיקייט, איז אָפּהענגיק פון זיי, זיין גאַנצע אַר־בעט איז דערפירט צו דעם ווי נאָכצומאַכן די מוס־טערן, די „אידייען", וואָס זייער עקזיסטענץ פילט כלומרשט דער מענטש גאַנץ אומקלאָר. עס עקזיסטירט איבער אונז אַ אידייע פון אינעווייניקסטער אויס־ברענונג, די אידייע פון דער טובערקליאָז־באַציל און פון דער וייט־שיסנדיקער ביקס, די אידייע פון דעם קרעבס, קליינבירגער, מויז און בכלל פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט אויף דער ערד און וואָס ווערט געשאַפן

דורכן מענטש. ס'איז קלאָר, אַז פון דעם־אַ שטאַמט אַרויס די אומפאַרמיידלעכקייט צו אָנערקענען די עק־זיסטענץ פון דעם שעפער פון אַט די אַלע אידייען, פון עפּעס אַ וועזן, וואָס שאַפט צוליב עפּעס אַ מיין דעם אָדלער און דאָס ווערעמל, דעם העלפאַנד און די זשאַבקע.

פאַר מיר אָבער עקזיסטירט נישט קיין אידייע אוי־סער דעם מענטש, פאַר מיר איז ער און בלויז ער, דער מענטש, דער שאַפער פון די אַלע זאַכן און אידייען. ער איז דער וואונדער־שאַפער און אין דער צוקונפט איז ער דער באַהערשער פון די אַלע נאַטור־כוחות. דאָס סאַמע שענסטע און פּרעכטיקסטע אין אונזער וועלט איז דאָס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אַר־בעט, דורך דער קלוגער מענטשלעכער האַנט, און אַלע אונזערע געדאַנקען, אַלע אידייען קומען אַרויס פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס. אין דעם איבערצייגט אונז די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון קונסט, וויסנשאַפט, טעכניק. דער געדאַנק קומט נאָך דעם פאַקט. איך „קני" דעריבער פאַר דעם מענטש. אויסער דער פאַר־קערפּערונג פון זיין פאַרשטאַנד, פון זיין פאַנטאַזיע, פון זיין דערטראַכטן זיך — פיל איך נישט און זע נישט גאָרניט אין אונזער וועלט. גאָט איז אַזאַ מין מענטשלעכע אויסטראַכטונג, ווי, למשל, דער „ליכט־אָפּבילד", מיט דעם אונטערשייד, וואָס „פאָטאָגראַפיע" פאַרפיקסירט דאָס ווירקלעך־עקזיסטירנדיקע, און גאָט איז אַן אָפּבילד פון דער מענטשלעכער אויסטראַכטונג פון זיך אַליין, ווי אַ וועזן, וואָס וויל און קאָן זיין

אַלצווייסנדיק, אַלמעכטיק און אינגאַנצן רעכטפאַרטיק.

און אויב מ׳דאַרף רעדן וועגן „הייליקס״, — איז הייליק בלויז די אומצופרידנקייט פונעם מענטש מיט זיך גופא און זיין באַשטרעבונג צו זיין בעסער ווי ער איז; ס׳איז הייליק אויך זיין האַס צו דעם אַלטוואַרג אין לעבן, דעם אַלטוואַרג, וואָס ער, דער מענטש, האָט אַליין געשאַפן; ס׳איז הייליק זיין ווילן אויסצוראָטן פון דער ערד קנאה, גיריקייט, פאַרברעכנס, קראַנקייטן, מלחמות און יעדע שנאה צווישן מענטשן, עס איז הייליק אויך זיין, דעם מענטשנס, פראַצע.

פאָלקס־ביבליאָטעק

ארויסגעגעבן פון דער שרייבער־סעקציע

ביים איקוף

נומער 1

נחמן מייזיל

דורות און תקופות אין דער יידישער ליטערטור

נומער 2

לעאָן קאָברין

ריווערסייד־דרייוו

דראמע אין 3 אקטן

(דערשיינט די צוויטע וואָך)

נומער 3

ש. אפּטער

דער בונט

און אנדערע דערציילונגען

יעדעס בוך 25 סענט

Printed in U. S. A.

255